אורי צבי גרינבערג

# מעפיסטא

פאַרלאַג „דאָס בוך“ לעמבערג

אורי צבי גרינבערג: מעפיסטא.

פארלאג „דאס בוך" לעמבערג
תרפ"א — 1921

104

אַלע רעכט געהערן דעם פֿאַרלאַג.

געדרוקט אין דער בוכדרוקעריי „פּראַצאַ“
לעמבערג בערנשטיינאַ 17.

געטער שטאַרבן, פֿעלקער גייען אויס.
ס'פֿאַלן אָפּ אין תהום די העכסטע בערג.
פֿרוכפּערדיגע גערטן ווערן סטעפּעס —
אָבער מעפֿיסטאָפֿל לעבט און לאַכט פֿון אַלע דאַוויִנס!
און אין יעדן קלענסטן שטיק פֿון וועלט איז ער בגלגול.
און ער הענגט אין וויסטע זקנים־וועלדער׳ס האַרצן אויף
דעם בישופֿדיגן שטערן פֿון פֿאַרפֿירונג: פֿרויען־ליבע.

גלאַנצט דער שטערן, ציט דאָס אויג צו ווייטע אומגליק־וועלטן.
איז אַ ים פֿאַרהאַן — (ס'קאָן שאַדן: עמיץ קאָן נאָך צריקנייִן!)
ליגט מעפֿיסטאָ שפּינוועבס־בריקן איבער ים און אָפּגרונט:
גייען יונגע,
גייען אַלטע,
און די בריקן פֿאַלן —
און דעם אוי פֿון פֿאַלנדיגע הערט נישט מער דער הימל,
ווײַל מעפֿיסטאָס כאַכאַכאַכאַ קלינגט אין אַלע וועלטן!

(אַזוי האָב איך מיר אָבגעפּאַסט די תורה און איך לערן...)

און הײַנט די גרויסע מלכות־שטאָט פֿון ליבשאַפֿט, שטייט אין פֿײַער
און אין סאַמע רויטקייט שטייט מעפֿיסטאָ טויונט־אויגיג,
זינגט זײַן טויונט־קולות׳דיגען הערצער־פֿאַנגער־ניגון,
און ס׳רײַסן זיך פֿון אַלע עקן וועלט מיליאָנען טויבן —
חלומ׳דיגע, ניגון־אָנגעהיילינטע נשמות,
וואָס האָבן אַלע ווערטער און באַגריפֿן שוין פֿאַרגעסן
און האָבן בלויז אין זיך דאָס איינע ברומענדיגע וואָרט נאָך:
פֿרויענליבע. — —

פֿליִען זיי אַרום דאָרט, ווי פֿאַרוואָרטע שמעטערלינגען.
קײַלעכדיג אַרום דעם פֿלאַם און סמאַלען אָפּ די פֿליגלען —
פֿאַלן זיי —
מעפֿיסטאָ זינגט דער ליבשאַפֿטס שיר־השירים.
און אין פֿלאַקער־פֿײַער שטייט אַ[טויונט־אויגיג גלי־שטיק.

ופֿן אױם די נאָכגעלאָזטע װעלט־פֿאַרליר־נײַעס :
ס׳גורל פּנים מענטשן... און זײ ברומען מילא, מילא׳
ס׳אַבאַשערטע זאַך אַזױ שױן ; תמיד קאָפּ־אַראָפּ־נאָר !
און זײ גײען װײַטער, װײַטער
תמיד קאָפּ אַראָפּ נאָר — —

אָבער מיר, די װאָגלענדיגע װעלטן׳ס־לידער־געבער,
רופֿן יענעם פּיסל־אונטערשטעלער : מ ע פּ י ס ט אָ פֿ ל !
און מיר זאָגן סתם : אַהאַ. װאו צװײ—איז ער דער דריטער.
װילן זיך צונױפֿגיסן העַרצער צװײ און ליבשאַפֿט,
קומט ער אָן בּ נ ל ג ו ל אין אַ װערימל און זעצט זיך
סאַמע מיט אין הערצער טיפֿקײט, סאָטשעט, נאָגט און ציכנט
פֿאַר אַ יעדן גליק־געדאַנק אַ קאַלטן פֿראַגע־צײכן — —

און גובר איז מעפֿיסטאָ תמיד ! צװײפֿלסט, צװײפֿלסט אײביג !
לאָזסט די װײַנשטעקס טרױבען פּלאַצן, ס׳רינט דער װײַן אין גראָז אָפּ,
און דו גײסט זוכן װאַסער־קװאַלן אין סאַהאַראַ׳ס זאַמדן...
גלײבסט אפילו נישט דער װײַסער כלה׳ס הײליג צאַפּלען,
שנײַדסט זי אױף די אָדערן בײַנאַכט און בלוט רינט, בלוט רינט, — — —
דו װאו בּיזט ?
בײַ זונות בּיזטו !
יונגער הפקר־גײער — —
ס׳הײסט אַזױ מעפּיסטאָ דײַנע יונגע נעכט פֿאַרלירן.

ביי מיר, למשל, האָט מעפיסטאָ אויסגענאָגט דאָס המצית
פון א יעדן פרויען־כישוף און פון נאָר דער ליבשאַפט —
רהאָט צו מיר מיט קדוש־ציטערניש גערעדט: הבלים!
קעהר די שענסטע באַקן איבער — ועהסטו ס'פליש דאָס הויט...
בלאָע אויגן? — — האַ, דער הימעל איז דאָך בלאָער, טיפער!
האָר ווי גאָלד און האָר ווי סאַמעט... וואָס איז גאָלד און סאַמעט?!
דו ביזט ריכטער, גרויס דיין ימזעל, וואָס איז פרוי? אַן איגול,
און דעם גרויסן בלאָען ים פון דיין פאַרחלומט לעבן,
און נעשמאַק איז דאָך פאַרהאַן און ווינטל פון פאַרפרילינג!
און דער בלומען־רויט איז שיכורדיגער פון דער ליבע!
און דאָס שיר־השירים־ליד איז זיסער פון שולמית!

ליבע,
פרויען —
הבל הבל...
יחיד איז דער עיקר!

בין איך מיר געוואָרן אַ מתבודד, אַזאַ שווייגער,
זיץ איך צווישן ספרים־הויפנס, לערן שבע חכמות,
און באַוואונדער מאָרגן־רויטקייט און פאַרנאַכט־גינגאָלד,
זיץ איך האַלבע נעכט צוכראַסטעט, רייבער ציגאַרעטן
און מעפיסטאָ זיצט און מייל און ציט און ויך דעם רויך איין.

אין כ'הער אַ מאָל אַ שליכצנדיגס אַרויס פון יעדן פרייד־קלאַנג;
און כ'פיהל אַרויס אַ טרויער־אָטעם פון אַ יעדן גלאַנץ־שטיק.
אין די ווייכע מיידל־שויסן שפּילן די גיטאַרעס,
ווילד־פאַרליבטע דאַלמאַטינער, ווײַן־באַרוישטע, האָפּקען;
רוישן ווי די טענענבוימער, שרייען: אוך! און זינגען;
אין די אויגן בליצן די רובינען פון דער תאוה.
טרעפּט זיך דעמולט: איינער שלייכט פאַרשאָטנט צו אַ ווינקל,
הערט זיך צו: כ'איז עמין דאָ אַ פרעמדער פידל־שפּילער,
דאַר דער גוף, אַ הערנער־שפּראַך, אין שוואַרצן טול פאַרהוילן;
זעהט ניט קיינער, הערט ניט קיינער פונם פרייד־געזעמל,
ווי דער עמיין שפּילט זיך אויף דער סטרונע G צעצויגן,
אַזאַ סודי־סודות'דיגן האַרבן גרוילן־ניגון — —
ציט דער ניגון דין און דינער, ציט אַדורך דעם בלוט־לויף,
און ס'קריכט אַ האָריג לעבעדיגס אַרום אין הוט־השדרה —
אָט אַראָפּ און אָט אַרויף און לאָזט די אַקסלען צוקן — —
קומט די כלה, מלא־ליבשאַפט, דאָרט אין יענעם ווינקל,
קושט דעם איינגעקנייטשטן שטערן: קום, מיין שיינער, טאַנצן!
נייט דער בחור,
דרייט אין ראָד זיך,
די גיטאַרעס שפּילן;
אָבער זיינע אויערן הערן: עמין ביבט חוזק,
און ער טאַנצט און הערט דעם ביבי ביזן גראָען מאָרגן.

פאַרוואָס איז דען פאַרפּילינג׳ס בלאָקייט טיף אַזוי באַצער׳ט?
פאַרוואָס גייט אויף אַטרער אין אויג, ווען ס׳זעהט דעם זיסן בעז?
פאַרוואָס׳זשע וועגען אומעטיג די כלות חופּה־נעכט
און ס׳וועגען די חתנים בלייך, ווען די קאַפּעליע שפּילט?

פאַרוואָס׳זשע נאָגט אַ טונקלע ווי אין אונטן פון גליק.
ווען ס׳ציטער׳ט אויפן בעט די וועלטן־טייערסטע — דיין פרוי
און דעקט דיך איין מיט אירע האָר, — —
פאַרוואָס׳זשע פּאַכט דאָס האַרץ?

פאַרוואָס איז אזוי עצבות׳דיג די רעגן־נעכט׳ס געזאַנג
און ס׳פּולן דיך מיט טרויער אָן די ריחות פון אַ פעלד
און ס׳ציט דיך צו דער איינזאַמקייט די שלוה פון אַ דאָרף
און די געדייפטע רויטקייט פון אַן עפּל־סאָד באַטרערט
דיין דאָרשטיג אויג?

מוז זיין אַ ודאי עמיץ — אויסער גאָט —
וואָס רוהט אין בלאָ און דופּטעט פונם בעז,
און אָטעמט אויף מיט עצבות פון די ווענט,
און וויינט אַרוים פון יעדן פרייַדן־שפּיל
אין הויז פון גליק.

און ס׳מוז אַ ודאי עמיץ זיין, וואָס בלאָזט
אַ גרוילן־ווינטל דורכ׳ן האַרץ פון רוה,
אַז ס׳דאַכט זיך: עמיץ שטייט און הערט זיך איין,
אַז עמיץ זעהט...
און ס׳ציט אין דמיון דורך אַ בייזע קראָ.

ס׳איז קופּער־ליכט־צײַט, מיטנטאָג. די זון איז װי אַ טײַכל,
ס׳קומען פֿליגן טרינקען פֿונ׳ם טעלער, װי צום טײַך,
און אין קופּער־ליכט ליגט גלאַנציק ס׳ברױנע לײַבל ברױט מײַנס,
ס׳טאַנצן אום די פֿליגן אױפֿן רוקן, זשומען: זשום.
דאָס מעסער בלאַנקט. דער לעפֿל זילבערט. כ׳װיל מיך נעמען עסן.
הונגעריק און דאָרשטיק בין איך, שלאָף פֿון גײן און נאַסן — —
עפֿנט זיך די װײַסע טיר און ס׳קומט אַרײַן אַ קלומפּן:
אָפּגעצערטע באַקן, שטאַרע אױגן (ס׳איז דער עלנט;
און אַ האָריק קנאָכנדיקע האַנט צולײגט זיך בעטנדר:
הונגעריק און דאָרשטיק בין איך, מיד פֿון גײן און נאַסן...
כ׳בעט דעם קלומפּן זיצן אױף מײַן שטול און הײס אים עסן.
זיצט דער קלומפּן, עסט און מעלה־גרה׳ט װי אַ חיה,
אָפּגעגעסן, שלײַכט ער צו דער טיר, באַלעקט די ליפּן:
גוט געװעזן... ס׳ברודיק פּנים שמײכלט, ס׳גרינען די אױגן.
און אַז ער גײט אַװעק און כ׳אײַ די װײַסע טיר געשלאָסן
ציטערט־אױף די װײַסקײט און עס נעמט זיך עפּיס װײַזן:
קודם־כּל, צװײ הערנער־שפּיצן, דאַן: אַ טײַטער שטערן —
צוקט ער, צוקט און ציט אַרױף זיך, ביז מען זעהט די ברעמען,
נאָך אַ רגע — װישטערען־אױף צװײ אַניס־גרינע אױגן,
שפּיציק קוקן זײ אַקעגן מיר און פּרובן לאַכן — —
אָפּגעקוקט — און אױס, די טיר איז װײַס, און שטילן ציטער
ליגט צולײגט דאָס קופּער־ליכט, ס׳איז מיטנטאָג, און רײַכער
און ס׳פֿליען אום די בײַסנדיקע פֿליגן, זשומען ניפּטיק,
און מײַן גומען טריקנט און מײַן מוח איז צעגאַסן...

דער אַנדערער אין מיר, וואָס איז אַזוי פֿיל אַלט ווי איך,
גייט מיר נאָך און ציילט די טריט, און לויערט אומעטום
און קוקט זיך צו די מעשים מײַנע... זיצט אויף מײַנע ליפּן
און לאַכט אַזוי מין אײַנגעהאַלטן, טיף, אַ גיפֿטיג ביבי,
צי ווײנט ער נאָר און זוכט, ווי מיט אַן אַקסל, אַ פֿאַרבאָרגנס,
דעמאָלט ווען איך לאַך פֿאַר פֿרייד און טראָג די קרוין פֿון גליקן.
און אײַנגעהויקערט זיצט ער גאַנצע נעכט בײַם שרײַבער־טישל
ס׳לײַכט זײַן לעמפּל גרין־אונדרויט אַרײַן אין מײַן אַליין־זײַן
און בלעטערט אין מײַן סוד־סודות־דיגן לעבענס־בוך
און הייסט, אָהן לשון, ציטערן מײַן קערפּער
און האַלטן אָפֿן ד׳אויגן אינם חשבון
און נישט שלאָפֿן.

ס׳גייען אַן עקזאָטיש רינגל־טענצל די חשבונות:
האָפּ אַרום אַן אײנציג וואָרט —
אַ נאָמען אין זכרון,
ריטמיש שפּילן צו צום טאַנץ די נערוון און די בלוטן — —

קוקט זיך זײַנע אויגן אויס דער אַנדערער אין מיר
און פֿאַלט אַרײַן אין קאָפּ און שרײַט, ווי וואַסערן: פֿאַרגעס!
און ווערד אַליין מבולבל אינם שרײַען. — —

און ס׳איז נישט מער קיין ווענט אַרום,
קיין בעט נישט מײַן געלעגער.
ס׳ליגט אַ קנאָביג שיפֿל אויפֿן הויכן בײַזן וואַסער,
נאַכט איז. און אַ יעדן וואָלקן ליגט אַ מיל טויט.
בליצן־גלאַנצן און דונער־שלאָג און שוואַנגערדיקן חושך
און אַרום איז וואַסער, וואַסער,
ווײַט פֿון אַלע ברעגעס. — —

און אומעטום גייט ער מיט מיר, ווען אַלע מיך פֿאַרלאָזן,
אומעטיג אַזוי ווי איך און גרייט צו יעדער טרעפֿונג,
און ווינט אין מיר און זינגט פֿאַר לויטער איינזאַמקייט דעם ניגון
פֿון מיין אָנגעוויטאָגט דאַוונען, זיצנדיג ביים שרייבטיש
אינם לויערדיגן שטילקייט איבער ביכער־הויפֿנס.

איך ווייס, עס פֿירן אַלע טויזנט וועגן צו דער פֿרייד נישט.
ס'וועגן על־פּי־מקרה נאָר געשטעלט די פֿריידן־הייזער
און ס'בליען על־פּי־מקרה נאָר די פּרוכפּעדיגע כּרמים.
וואָס דאָס איז: עראָטיק, ווינקט אַרויס פֿון יעדן ווינשטאָק,
וויבער איז: די וועגן אַלע גייען ווי פֿאַרביי נאָר,
פֿירן — פֿירן אַלע וועגן נאָר קיין עלדאָראַדאָ.
און פֿון עלדאָראַדאָ איז אַ שפּאַן צו דער נירוואַנאַ.

און ער גייט מיט און שטעלט זיך אָפּ מיט מיר ביי ווייסע הייזער,
הערן אַ פֿאַרליבטע סערענאַדע פֿון אַ יונגפֿרוי;
און אַ יונגפֿרוי גלעט אַ מאָל מיין קאָפּ און זיינעם אויכעט
און מיר און אים — עס ווייסט די פֿרוי נישט — זאָגט זי לויטער האַרציג:
ביזט מיין גאַנצע, גאַנצע וועלט, אַ בלייב מיט מיר אויף אייביג!
און איך און ער, און איין געשטאַלט, פֿאַרלאָזן איר געלעגער...

כ׳האָב יאָרן לאַנג די אויגן מײַנע אויסגעקוקט אין תהום,
וואו שיפֿן גייען־אויף מיט שטאָלץ און טראָגן שאַצן גאָלד
און לוסטיגע מאַטראָזן זינגען ס׳העלדישע געזאַנג,
כ׳האָב צוגעזען, ווי שיפֿן גייען אונטער פֿול מיט פּרוכט
און ס׳שפּרינגען די משוגע׳נע מאַטראָזן אין׳ם ים...

כ׳האָב יאָרן לאַנג געפֿאָרשט אין גורל־בוך פֿון יעדן פֿאָלק
און אומגעוואָגלט אין׳ם כּוח־וואַלד פֿון יעדן דור,
און כ׳האָב געזוכט דאָס ערשטע אָרט פֿון יענער וועלטן־שפּין,
וואָס האָט די נעץ: פֿאַרלוירנקייט, צו מענטשן׳ס פֿיס געלייגט.

כ׳האָב צוגעקוקט, ווי אין דער וויג פֿון נײַ געבוירן גליק,
אַ זוניג קינד,
איז אויך געלעגן אומגעזען די פֿאַרבאַשטימונג: לייד —
אַ פֿינסטער קינד,
און ס׳האָבן ביידע קינדערלאַך אַזוי זיך אײַנגעוויגט
אין נעכט פֿון גליק.

און כ׳בין געלעגן גאַנצע נעכט, באַטראַכט מיט אַנגסט מײַן זין,
דעם סוד פֿון מענטש׳ס צוויי־הונדערט־אַכט־און־פֿערציג־גלידער׳ס זאָט —
און סנה בין איך געווען אין אייגן פֿײַער פֿון מײַן צײַט,
אַ היכל פֿאַר מײַן תפילה און אַ שאַנד־הויז פֿאַר מײַן גוף —
און נישט געקאָנט קרישטאָליג ווערן, זיכטיג פֿאַר מײַן אויג:
אַזוינס בין איך,
עס הייסט אַזוי,
און אַנדערש בין איך נישט...

אָבער ס׳איז, מײַן לעבן גלײַך געדיכט געווען — אַ וואַלד.
איך האָב אַליין געבלאָנושעט דאָרט און נישט געקענט קיין שטעג.
און כ׳האָב געהערט, אַז עמיצער גייט אים און נישטערט דאָרט,
און ווייסט דעם גאַנג —
האָב איך אין וואַלד אַרײַנגעשריגן: האָב!
האָט מיר אַ ווידער־קול געענטפֿערט:
כי...
איך האָב געגרוילט.

ס'איז ליגן, אַז אַ מענטש איז ווען זיך שולדיג אין זײַן בראָך,
וואָס ער איז נע־ינד און האָט קיין אָרט נישט פֿאַר זײַן גוף,
און ציטערט אויף די דאַרע קניעס פֿון דער שוועסטער: נויט,
ווײַל ווער האָלט דען פֿאַרלאָזט דאָס אייגן הײה,
דאָס ווײַסע בעט, דאָס פּרוכפּערדיגע פֿעלה,
דעם ווײַנשטאָק און דעם בליענדיגן סאַד
און אין דער וועלט געצויגען נע־זנד!

ס'איז ליגן, אַז אַ פֿרוי גייט סתם־אַזוי
דורך לײַדנשאַפֿט.
פֿאַרקויפֿן פֿאַר מטבעות איר געצערטלט נאַקעט לײַב,
וואָס ס'האָבן נאָר די ווענט געזעהן בײַנאַכט.
ווײַל וועלכע פֿרוי האָלט דען פֿאַרלאָזט די שוים
וואָס איז איר גוט,
די האַנט, וואָס גלעט אין הייליגקייט איר גוף,
און וואָלט אַנטלאָפֿן אין אַ הויז פֿון שאַנד
און גלידער־פּיין.

ס'איז ליגן, אַז אַ מענטש גייט סתם־אַזוי,
מיט זײַן פֿאַרלאַנג,
פֿאַרשוועכן אַל דאָס הייליגע: די הענט —
און וואַרגט אַ האַלז פֿון עמיץ וואָס האָט געלד,
צי קושט ער מיט זײַן מויל אַ טמא זאַך
און לעסטערט אינם צלם אלקים!
און דאָס פּרוכת וואַרט,
דער צלם וואַרט!
און ס'וואַרט די ספֿר־תּורה, מלאַ־צער,
עס זאָלן די פֿאַנאַנדערוויקלען הענט
און שטערן־שײַן פֿון בלאָע האַלבע נעכט.

מוז זײַן אַדאַי עמיצעה, וואָס טרײַבט אַרײַן אין רויש
און קאָכט און ווידט די בלוטן אַזוי לאַנג ווי זענען רויט!
מוז זײַן אַדאַי עמיצעה וואָס טײַטלט:
דאָרט איז געלד...

און ס'גייען גלות מענטשן'ס מידע פיס
אין ווילדע שטעט און איבער ימים'ס פלאך
און ס'פאלן פאלן גופים אויפן וועג —
ביטאג,
ביינאכט.

ביז וואַנען מען דערקענט דיך און מען ווייסט,
אַז דאָס ביזטו. דער האַר, דער גורם, אַליין,
די שרעקלעכע גראָטעסקע: טאָג און נאַכט אַרויף־אַראָפּ —
מוז מען האָבן אין דער וועלט געהאַט
אַגרויס פֿאַרמעגן פֿון פֿייער און גוטס און קראַפֿט,
וואָס איז געגאַנגען פֿאַרלוירן מיט דער צייט.

און האָבן מוז מען אין דער שוים געהאַט
אַ סך אַווינע ווייסע פֿרויען־קעפּ,
דורך גאַנצע נעכט.
און פֿילן יעדן ציק פֿון זייער לייב
און וויסן: ס'זענען אמת לויטער גליק
אַ וועלכע נעכט.
און ס'איז קיין איבערבלייבעניש נישטאָ.

און האָבן מוז מען לאַנג געוועסן וואָך,
אַ שטאַרנדיגער קערפּער אין דער נאַכט,
און האַלטנדיג מיט ביידע הענט דעם קאָפּ,
דעם פֿייער־קאָפּ;
און שפּעטער שטיין און וואַשן זיך אַ העמד
און טריקענען עס אויפֿן הייסן לייב;
און אויפֿשטיין אינדער־פֿרי אַזוי מין קוואַר
און גיין אַרויס אַזוי פֿאַרפֿרעמדט אין שטאָט
און קומען מיט די מענטשן אין געוויש
און זיכן פֿאַרן היינט אַ לייבל ברויט — —

און האָבן מוז מען מיד זיך אויסגעשלעפּט
אין רייכע שטעט,
געפּלוידערט און געלאַכט ביז האַלבער נאַכט,
און איינגעשטילט דעם הונגער מיט אַ טיי
און מיט אַ ציגאַרעט,
און דאַן געפּיבערט אויף אַ גאָרטן־באַנק
אין עק פֿון שטאָט,
אין שטערן־ליכט.

און ווײסן מוז מען, וואָס עס ליידן אױס
אין יעדער פֿלאָער נאַכט, און גאָר דער וועלט.
מענטשן'ס שענסטע טעכטער אין־דער־שטיל
און וויפֿיל שײנע קעפּ עס מוזן רוה'ן
אין אָרעמס פֿון געהאַסטע גראָבע לײט,
און וויפֿיל אויגן וויינען דעמולט הײם — —

און האָבן מוז מען אין סאַלאָן געוואוינט
און פֿון א טרײַער האַנט געווען געהאַלוט.
און אויפֿגעשטאַנען דוקא האַלבע נאַכט
פֿון ווײכן בעט, כדי צו קיהלן שטיל
דעם הייסן שטערן אין דער פֿינצטער שטיב...

און האָבן מוז מען אָונטן געשלײכט;
אַ פֿרעמדע ים־שטאָט. בלאָ און ווײס. אַ ברעג;
און ס'איז אַזוי באַרוישט געווען דאָס בלוט
פֿון גליאינע מאַטראָזן'ס ווילד געזאַנג
און ווײער גלאָקן־לאַך אקעגן ים — —

און דאָבן מוז מען דורכגעגאַנגען ד'ערד
און שײן פֿון די מזלות און געהערט
ס'געזאַנג פֿון שבעים אומות פֿרײד און לײד.
און האָבן מוז מען מיט־געזונגען ס'ליד
פֿון ציגײנע חיילות אינם קרינג,
און זעהן די טויטע וועלנער אין־דער־פֿרי.
דאָס פֿוילן פֿון דערה־נ'עטע אין וואַלד.
און יענע קלוממפּנס לײבער אינם הראָט.
די קעפּ אַראָפּגעדרײט, די פֿיס אַרויף. — —

און האָבן מוז מען וואַסערן געזעהן
בשעת דער ים איז כײז בשעת ער שלאָפֿט
און טראָגט די שיפֿן ווײט מיט מענטשן־פֿול
פֿון ים צו ים — — —

און האָבן מוז מען ווילד געווען אַזוי
מיט טויזנטער הפקרות־ווײבער

לאַנגע נעכט פֿאַרבראַכט ;
און צוגעזעהן, ווען אויפֿגעגאַנגען ס'האָט
דער גראָער טאָג,
דעם קנייטש פֿון זייערע שטערנס,
זייער פּיין,
און זייער עלנד זינקען נאָך דעם רויש — —

און האָבן מוז מען אין דער וועלט געזעהן
אַ סך אַזעלכע דאַרע איידלע הענט,
וואָס האָבן זיך געשטרעקט צום בלאָען הויך
בשעת געבעט,
און הענט פֿון לונגן־קראַנקע פֿאַרן־טויט —

און האָבן מוז מען נידערן געזעהן
די מענטשן־זיהן מיט לעמפּלאַך אין די הענט
אין קוילן־גרוב אַראָפּ, ווי אין אַ תהום,
און אונטער זייערע רוקנס שפּײַנט די נאַכט,
און בליגן אויף די בעטן אין דער היים
די ווײַבער זייערע, מיט דער שטאָק אַליין — —

און אויב עס האָט דער מענטש אַ סך געזעהן,
געפֿיהלט, געחלומ'ט, און געשוויגן לאַנג,
געלײַטערט אין די טרערן יעדעס וואָרט,
געגלייבט און נאָט, געגאַנגען צום אָלימפּ
געליטן שטום
און האָט דערנייבט דעם העכסטען שטאַפּל : נויט —
דאַן שטעלט זיך איינמאָל אָפּ דער גוף אין וועג
און זאָגט אין זיך בשעת'ן בלוטן־גזויל :
אַהאַ, אַ דאָס בּיזדטו,
מעפּיסטאָ האַר,
דער גורם אַליין
די שרעקליכע גראָטעסקע : טענ און נעכט
אַרויף־אַראָפּ !

צעהן מאָס אייביגקייט־גבורה איז אין וועלטן־טאָל גענידערט,
האָט מעפּיסטאָ ניין גענעמען און די צעהנטע איז געבליבן
נאָט — דעם גייסט פון אַלע וועלטן,
נאָט — דעם פאָטער פון בראשית.
נייט דער גייסט אויף אַלע, ווען נע־ונד מיליאָנען יאָרן,
פון אַ האַרץ צום צווייטן היפּט ער, קומט בגנבה, זוכט אַ תיקון;
קוקט אַרויס אַמאָל אַ גלאַנציגס פון אַ טרער, און לאָזט זיך הערן
פון אַ זיפץ אַמאָל אַ שטילן, פון אַ ווייטאָגדיגן ניגון;
ציטערט הייליג בין השמשות אין דעם רויטן שקיעה־אָפּגלאַנץ
אויף די שויבן פון אַ היכל און אין זילבער פון לבנה;
הענגט אין סאַמעטענעם פליגל פון אַ שוועלבל אין די לופטן — —
אָבער דעמולט נייט מעפּיסטאָ בפרהסיא אין די לענדער,
און עס פלאַטערן אויף וועלטן זיינע נאַכטליכע געווענדער...
אין מיליאָנען גאַסן־לאָמפּן און אין זילבערנע מנורות
און אין הימלענ׳ס איידל־שטיינער, — גליען זיינע, זיינע אויגן!
ער זעהט אַלעם! — :
ווער ס׳גייט טאַנצן צו די ווייבער אין דאָס ווילדע האַרץ באַרוישן,
ווער עס בלייבט זיך ביחידות צו פאַרפאַלן אין זכרונות,
ווער עס וואַרט אויף אַ געליבטער מיט אַ ליד אויף זיינע ליפּן,
ווער עס קאָרטשעט זיך פאַר ווייען און געפינט פאַר זיין נשמה,
נישט קיין אויסגאַנג פון איר פלאָנטער — —
און אין האַלבער נאַכט באַגלייט זיינס אַ פאַרפּירונג־ליכט אַ גזלן
איבער שטילע קאָרידאָרן און באַלייכט די קאַלטע קלאַמקעס...
און אַז ער הייבט — קומט די לבנה אויף אַרויס פון צווישן נעפּלען,
זעען רויבערס דורכן אורוואַלד: ס׳פאָהרט אַ פוהר אָן פינ׳ם שטאָט־וועג,
און זיי ליגן אויף די בייכער אויגן־גליאיג און צוואָטן,
ביז די פוהר קומט — — די לבנה שווימט אַריין אין ים פון נעפּל,
אַיין מעפּיסטאָ ווייסט די טרעפּונג האַלבע נאַכט אויף יענעם וואַלד־וועג!
און דער גייסט איז נע־ונד אַלין! שוואַך און אומעטיג און ציטריג.
ר׳איז אַ קלאָגנדיגע סאָווע אין אַ חורבה; ר׳איז אַ זקן,
וואָס פאַרלאָזט דאָס ווייסע בעט אַ יעדע האַלבע־נאַכט און זעצט זיך
אויף דער ערד און צינדט אַ ליכטל... ר׳איז דאָס גלי־אַש פון חרטה
אין אַ קראַנקער אשה נדה אין ווענערישן שפּיטאָל — —

ר'איז דער פלאַטער פון זכרונות, דאָס דערמאָנען פון אַ נאָמען,
און דאָס פלאַפּלען פון אַ גוסס, ר'איז דער בלאָער ס אָ מ נ אַ מ ב ו ל י ק:
ניט אויף גלײַבע ווען גייט ער, נאָר אויף שמאָלע און קאַפּוירע,
און מיט צוגעמאַכטע אויגן, חלום־הײליג, ביז צו תהומות,
און די ליפּן זאָגן שירה,
און די נערוון ווענען סטרונעס — —
און מעפּיסטאָ זיצט מיט רחבות אויף זײַן קנאָבנדיגער קרוין־שטאַ,
און לכבוד זײַן שוואַרץ־שבת זײַנט ער רויך פון זײַן גאַרנילע,
און ער שיקט די שלאַנגען־רויכעס דאָרט אַהין צום הויכן באַרג־שפּיץ
וואו דאָס קלאָפּנדיגע האַרץ ליגט פון דער מענטשן־וועלט און צאַפּעלט.

און כ׳בין אַמאָל געשטאַנען קליין און פֿאַרכטיג, ווי אַ פֿויגל,
אונטער דער געדאַנקען־וועלט־מחיצה און פֿאַרגעסען:
ס׳האָט געהאַט בסתר גאָט, דער נייסט פֿון אַלע דורות,
מיט זיין אומגעלויפּערט שוים־קינד מעפֿיסטאָפֿל אַ געריידע — —
עס האָט אַזוי מיך טיף געקלאַנגט אַ קול דממה דקה:
„די האָסט דיך פֿאַרהויקלט אין דעם תכלת־קלייד אין מיינעם
און געגאַנגען ביזט נול׳ען מיינע חלום־יונגען׳ס תפילה.
גנב׳עסט יענעם ציטער־גלאַנץ פֿון זייער טרער צו מנחה,
דעמולט ווען זיי ציטערן פֿאַר בענקשאַפֿט און זכרונות
און קילן זייערע שטערנס אין די פֿייכטע בלאָע שויבן...
און דו ביזט דער געדאַנק וואָס איז אין זייער האַרץ געבוירן:
און זיי גייען, גייען, גייען per aspera ad astra...
די פֿאַרהלום׳טע און בלייכע רבי יוסף־דילה־רינה׳ס — —
און עס דאַרן זיי די גופים, ווי די דערנער, ווערן טרוקן;
און עס טוט מיר ווי אומענדליך! מיר, דעם פֿאָטער פֿון נשמות;
און אַז כ׳קום צו זיי ב ה ל ו ם און איך וואָרן זיי און זאָג זיי:
ס׳נוצט מער פֿון זיבציג טויזנט יאָר דער וואַנדער־וועג געדויערן!
איז מיין קול זיי ניט באַקענט מער... ס׳אַ געדאַנק גאָר פֿונם שטן!״

און ס׳האָט זיך מעפֿיסטאָפֿל ווילד צעכאַכעט און געענפֿערט:
איי, דו ב ל אָ ע ר זקן, האָסט אַ טעות! ביזט פֿאַרשלאָפֿן!
די — אַזאַ מין לופּטינ׳ס, אַזאַ שיין פֿון אַ לבנה,
די — אַזאַ מין ציטערדיג׳ס, אַ ווידער־קול פֿון קולות,
די — די הויפּסט דיך פֿאָטער פֿון נשמות און פֿון מיר אויך?
האַ! דו ביזט אַליין נאָר אַ געשפּיל־צייג פֿון מיין ווילן,
נאָר אַ צופֿער־נאָמען ביזטו, ווען איך קום צו גיין אין מוח
פֿון אַ לויטערן מתבודד, ציה אַ פֿאָדעם דורך זיין חלום:
גיי אין זמפּן טיפֿע זוכן די נצוצין פֿון קדושה!
און אַבי איך ברענג אין זמפּ איהם — איז פֿאַרגעסן שוין דיין נאָמען.
און ו ו אָ ס ב י ז ט ו דען דעמולט, ו ו אָ ס איז קול דממה דקה,
ווען די הייזעריגע קולות פֿון די ליידנשאַפֿטן זידן?
און ו ו אָ ס איז בלאָע תפילה דען אַ קעגן קוויטש פֿון תאוה
און דעם צאַפּל פֿון באַרוישטע סיפֿיליטיקער ביים וויין־כוס?

און וואָס איז דען דײַן שטערן־קלײד אַ קענן די רובינען
וואָס צעשאַרען זיך און בליצן אין די טויזנטער שוואַרצאַפּלען,
און אַקענן בלאַנדע, שוואַרצע, קאָפּ־צעשויבערטע נקבות
אויף די רויטע סאַמעט־זאָפּעס, וואו די גופים גליען, גליען? — —
ניי צו רוה, דו ביזט פאַרשלאָפן, בלאָער זקן, ב יזט דער גײַסט נישט!
אין די הרי־חושך זענען כמה הײַכלן דאָ צום שלאָפן —
שלאָף־דיך־אויס דאָרט, און אויף מאָרגן, נאָך מיליאָנען נעכט פון חושך,
ווען דער ווינט קעהרט־אָפּ די וועגן פון צעטרעטענע נאַרציזן,
קום צו גיין אין מײַנע וועלטן און דערצייל מיר: ביכן געוועזן
אין אַ גלגול, פאַר בראשית, אַ באַשעפּעניש און אַ פּאָטער
פון נשמות און פון שטן —
איך בין דער גײַסט! איך בין דער גרויל וואָס צעהרט
מיליאָנען מענטשן־לײַבער,
און איך פלאַקער־אויף די מוהות פון מיליאָנען מיט מײַן האַשיש!
איך בין דער, וואָס פירט אַ מאַמע פון די קינדער אַ באַרוישטע
אַלע אָוונט צו דער וואונונג פון אַ יונגן הפקר־בחור.
(ר׳איז אַרטיסט, אַן אָפּערזינגער, צי אַ דיכטער פער עקספּרעסיאָ...)
איך בין דער, וואָס יאָגט אין חשבות אַ נאַלאָפּיש פערד־און־רײַטער
איבער סטעפּ און ווילדע שלאַכט־נעכט, נישט געדענקענדיג די היים מעהר.
איך בין דער, וואָס טרײַבט דעם מענש אַ קענן שפּײַענדע הויביצן
און כ׳בין דער, וואָס האָט געלערנט די רבי־יוסף־דילה־רינה׳ס,
אַז: per aspera ad astra — איז דער וועג פון אַלע וועגן!
און עס גייען די נשמות דורך דעם רויען וועג פון לײַדן
און עס וועט זיי קײַנער זאָגן (ס׳וואָלט געהייסן: מעשה שטן...):
אַז ס׳איז ווײַט דער וועג צו שטערן און צו וואָס דער וועג צו שטערן?!
און ווער רעדט דען צו די קדושים: לאָזט אײַך פּײַניגן און ברענען
און נישט ראַטעוועט די גופים ווײַל... איר לעסטערט די נשמה?
און ווער לערנט די העברעער אײַביג לײַדן, אײַביג האָפן:
עס וועט קומען די דערלייזונג ווען... די טויטע וועלן אויפשטיין?
און ווער לערנט אַלע מענטשן פאַר אידעען צו פאַרבלוטן?
און ווער זענען דען די האָדושאַ׳ס אין די הייליגע מעטשעטן
וואָס אין נאָמען אַללאַ רופן צו אַ הייליגער מלחמה?
צי אין נאָמען נאָך פון בורא, רופן הייליגע פאַקירן,

און עס ציען יונגע, אַלטע פֿון די בלאָע נאַנגעס־דערפֿער,
קיין אייראָפּאַ, קיין אייראָפּאַ: פֿיל מיט צלמים, גלאָקן, טורעמס,
און — מען זעהט נישט מעהר קיין לאָטאָס
און מען טרינקט נישט מעהר פֿון גאַנגעס! — —
און עס קומען פֿון אייראָפּאַ די חילות און זיי שלאָפֿן
בלאָע נעכט אָפּ אין די אָרעמס פֿון די פֿרומע אינדאָ־מיידלאַך
און זיי ווערן זיי מטמא; און עס טרענקען זיך פֿאַרפּלוטיגט,
איידער טוי פֿאַלט אויף אַ לאָטאָס, יענע מיידלאַך אינם גאַנגעס,
ווייל זיי ווילן קומען לויטער פֿאַר דעם וועלטן־פֿאָטער ב ו ד אַ — —
איך בין דער, וואָס הייסט: מעפּיסטאָ! כ׳בין דער גייסט פֿון אלע דורות.
רייבע זאָג איך: איר האָט ווייניג! זוכט דעם וועג וואָס פֿירט קיין אופֿיר.
און אַ קראַנקן זאָג איך: גלויבט! און די קוואַרע הענט דערהייבן
צו דעם ראָד פֿון די מזלות, צו די פֿליענדיגע פֿייגל!
יונגע קלויסטער־שוועסטער לאָז איך אין לבנה־נעכט נישט שלאָפֿן
און איך זינג אין זייער חלום דראַאיסטיש: שיר־השירים — —
און עס נייען אַלע דורות אויפֿן וועג נאָך מיינע אידליכט
און אַז ס׳שטעלן־אָפּ אין וועג זיך די פֿאַראַירטע, ווילן צריקגיין,
הענגט די נאַכט אַריבער אַקסלען און מען זעהט נישט מעהר דעם אַ נ ה ו י ב,
וואו דאָס וויגל איז געשטאַנען און די מאַמע האָט געזונגען
יענעם ניגון, וואָס דערציטערט אויך מיין גיפֿטיג האַרץ, ווען ביהער איך
האַלבע נעכט פֿון ווייסע הייזער. — —

ס'איז דאָ אַזאַ מין נאַכט אַמאָל און כ'ווייס נישט צי ס'איז נאַכט.
איך הער נישט ווי עס שושקען זיך די ביימער ביז'ן ווינט.
מיר דאַכט, אַז נישט אויף אַ נעלעגער זיצט מיין נאַקעט לייב,
נאָר אויף אַ הייסן קיזל־שטיין צופיסנס פון אַ באַרג,
וואָס שטייט אַן אייל אַוועקגערוקט פון ים־הגדול, הויך,
און אויבן אויפן שפיץ איז דאָ אַזאַ מין ריזן־קאָפּ:
ד'אוינן־לעכער זענען פּחדים־פענצטער צו דער וועלט,
דאָס מויל איז אַזאַ הפקר־טיר אַריינצוגיין אין קאָפּ,
וואו ס'וואוינט אין אייביג עלנט אַ געפאַנגענער: דער גייסט.

עס ברענט די זון להכעיס און די הימלען זענען בלאָ.
און ס'זידט דער ים־הגדול און דער ים הגדול שרייט:
עס איז אים ענג זיין אַלטע וויג. די כוואַליעס שרייען: ענג!
וואָלט ער געוואָלט די ערד פאַר־פּלייצן — שטייט דער באַרג ביים ברעג:
דער שומר פון דער ווייטער וועלט,
דער היטער פון דער ערד.

און אַז דער ים ווערד הייזעריג און אָפּ־געלעכצנדיג,
און ס'בייגט זיך איבער אים אַריבער ס'בלאָע ווייב — די נאַכט,
און גלעט מיט אירע בלאָע הענט זיין בוזעם, שטילט אים איין,
שווימט צו אַ בלייך לבנה'לע צום ריזן־קאָפּ און שטייט.
פון ד'אוינן־לעכער'ס פּחדים־פענצטער קוקט אַרויס באַצער'ט
אַזאַ מין שטערן־אויגנדיגס, אַ ציטער־גלאַנצל פרעגט:
„אָ זאָג מיר, וואַנדער־מיידאַלע, בראשית־שוועסטערל,
וואָס טוט זיך עס אין מיין־געווען וועלט־טאָל? זעה, איך בענק
צו די מיליאָנען מענטשן מיינע, וואָס מעפיסטאָ טרייבט.
און גיין צו זיי — דאָס קאָן איך נישט, כ'בין אַ געפענטעטער;
און וואַרטן וואַרט איך, שוועסטערל, אויף ווייסע מענטשן'ס הענט
און זיי, די מענטשן, קומען נישט. דערצייל מיר, וואָס דער מער?"

רעדט שלאַף דאָס בלייך־לבנה'לע צום שטערן־אויגנדיגס:
„דיין קול איז מיר באַקאַנט. כ'האָב ערגיץ־וואו אַזוינס געהערט,
נאָר דו אַליין ביזט אומבאַקאַנט מיר... פרעגסט מיך וועגן וועלט —
משמעות, ביזט געווען אין איר אַמאָל... איך זעה: דו בענקסט.

וועלט איז וועלט; נאָך טאָג ווערד נאַכט — און סתם:
מעפּיסטאָ — האר.
און די מיליאָנען מענטשן זענען ווילד און האָבן פֿיינט.
און הײַם איז נאָך דער שטיין פֿון האַס פֿון ייִדן קין'ס צייט.
און ווייטער וואָס? — — מען פֿרוכפּערט זיך, מען לויפֿט;
ס'איז קיין און שפּיי;
און אַלע הערצער ציטערן אין תאוה: נאָלד און בלוט...״

אלע זיבן הימלען זענען אָפּגעשלאָסן הײַנט
און ס'האָט די שליסלען צוגענומען ע. ה. דער ספּק־מ ם ס!
און אויסגעהויכט פון קדושה איז יהוה'ס צויבער־שם
און ס'איז דער אָרלער ג ײַ ס ט געבליבן שטעקן אין־דער־קלעם.

און ס'רײַסט זיך נאָך פון טאָל אַרויף צו הימלען אַ געבעט.
עס בעטן די, וואָס ווייסן נישט, אַז ס'איז נישט דער אַ מ אָ ל.
און ס'ברענגען אין דמיונות נאָך נשמות אָהן אַ צאָל
צום אַלטן בלאָען רחמים־גאָט די טרערן־זילבער־שאָל.

און ס'קלינגען גלאָקן. ס'ברענען ליכט אין קלויסטער און אין שוהל
און ס'פּרײַפלען אַלטע האָרושאַ'ס צו די גלויבערס פון מאַכמעט
אַראָפּ פון יעדן גאַניקל פון יעדן שפּיץ מעטשעט.
און ס'זאָגן שמע־ישראל קליינע קינדער אויפן בעט.

און ס'גײַען אויף אין יעדער האַלבער נאַכט פון יעדן ראָך,
אַ וועלכע איידלע הענט, וואָס זאָגן: הערצער זענען וואָך.
און ס'קלאָגן זיך די הינט אפילו אויף אַ יעדן שליאַך.
נאָר אין די וואָלקנס קאַטשעט זיך מעפיסטאָ'ס גרינער לאַך...

און ווי איז די טויטע אפילה, וואס זוכן א תיקון
א רא. אינם ישוב פון מענטשן, אין שיין פון מולות.
א זיי זענען טאפל אומגליקליך! ווייל זיי גלייט א קענן
דאס גיפטיגע גאדראויג, דאס גרינגע, וואס היפט אויף די וועגן
אזויווי א שטערן.

און קומען די שאטן־נשמות אריין אין בית־מדרש —
איז פארכטיג אזוי דארט די שטילקייט, אזא מרה־שחורה!
עס פלאקערט אזוי מין דערשראקן דאס לעמפל ביים עמוד!
און עמ׳ין גייט־אויף אויף דער בימה אין קיטל־און־טלית
און וויקלט פאנאנדער די תורה און לייענט מיט א ניגון
די תוכחה, גיפטיג אזוי און אזוי מין פארביסן,
אז ס׳פיהלן די שאטן־נשמות דעם גרויל פונם לעבן
די ווייטאג פון גופים...

און ווי איז דעם צלם־געהאנגענעם ישו בן־יוסף
אין פינסטערע קלויסטערס, צי גאר אויף די דארפישע סלופעס,
ווען ס׳קומט האלבע נאכט און ער עפנט די אויגן אין חושך —
דערזעהט ער פילאטוס׳ן פלוצים, דעם האר פון גלגלתא — —
„א דו ביזט דער מלך פון יידן? טא קומט דיר א קרוין דאך!“
און לייגט אויפן מקום־של־ראש אים א נייעם קראנץ דערנער
און כיבעט און כיבעט...

מען ווייסט נישט אין הימל וואס ס'טוט זיך אין טאל פון די מענטשן.
מען ווייסט נישט פון טאג־צייט, מען ווייסט נישט פון נאכט־צייט
אין פרגוד.

עס גליווערן שרפים צופיסנס דעם נראען יהוה.

אין אנדערער הייט מיטן גלגל אויף יענער זייט הימל
און הערט אלע תפלות, וואס קוואלן־ארויף צו יהוה,
און עס צעבאבלט אזוי זיך דער מורד במלכות!

אין פיוועלן מיליאנען נשמות דעם מורד נישט פאנגען,
ווייל ער איז די לעבעדיקייט אין די מענטשליכע גופים,
ווייל ער איז די זאפט אין געשפראין און דער גליווער אין דומם.

נאר סיידן א תהו־ובהו וואלט ווערן פון אלעם
און איבערן תהו־ובהו וואלט ווידער געקייקלט
די בלאע קדושה — די געטליכע קראפט פון בראשית.

מען גלייבט נישט מעהר אין גאט. מען טרעפט די שכינה נישט
אין גאנג.
און ס'איז נישטא קיין ווינקל, וואו עס ברענט דאס לעמפל: רוה,
און לייכט צום הארץ.

און ס'איז נישטא קיין אויסגאנג מעהר פון דעם ארומיג זיין,
ווייל ס'וועט דאך זיך נישט עפענען א וואונדער־טיר פאר אונדז,
וואס פירט ארויס
פון דעם כאאס
אויף יענער זייט.

און אטעמען איז שווער אזוי אין העלקייט פון די טעג
און צעהן מאל שווערער איז דאס גיין זיך ליינען אויפן בעט
אזוי־אט סתם...
אין האלבער נאכט.

און וועלט, איז, דאכט זיך, וועלט: אזוי פארשידענפארביג אלץ!
עס גייט א שטראם. סע ציהט א וועג
צו אלע עקן וועלט.
און יענער טויזנט־יארנדיגער עמ׳ק האלט די בייטש
און טרייבט: נאלאס!

און אייביג ויתרוצצו אין בויך פון טעג און נעכט.
זון אויף —
זון אפ.
און ס'זוילן הארץ און קאפ אוועק פון גוף.
אוועק פון גוף.

אײַנגעשפּאַנטע װעגען מיר אין װאָגן פֿון די טעג,
עס ליגן אויפֿן װאָגן שטיקער בלײַ און הײסע שטײנער —
די מינוטן.

עמיץ קנאַקט מיט װײַנע בײַטשן,
עמיץ רײַט אויף אונדזער רוקן,
און ס׳איז ליכטיק אין די װעלטן..

װעגן גליקלאַכע פֿאַ־האַנען
און זײ קומען מיט דער זון גלײַך
צו דעם טויער פֿונם אָװנט.

אונטער װערבעס קניען נידער
די געמאַטערטע און רוען
אויף דער קאַלטער קופּע שטײנער — —

חלום׳ט אײנער: מזל מלכות,
װײַן און װײַבער און באַרינטע,
װײַסע שפּײַזן,
רײַכע נערטן,
װײַסע בעטן,
באַלדאַכימען.

חלום׳ט אײנער: װײַסע ים־שטעט,
בלאָע אָװנטן מיט שטערן,
איבער סאַמעטענע שטראָמען
גײען ציטער־ריגע לאָדקעס
און ניטאַרעס װײַטע שפּילן — —

אָבער ס׳נידערט נישט אַ יעדער
מיט דער זון אין שוים פֿון שלוה —
נישט אַ י ע ד ע ר שלאָפֿט אין חלומס!

ס׳ציט דער אומרו־װאָגן װײַטער
אינעם חושך. מאַטע מענטשן
פֿון שלעפֿן װײַטער, װײַטער — —

אויפֿן וואָגן ליגט דער עלנט,
ליגט די פֿינסטערנישן־משא:
שוואַרצע שעה׳ן—
שוואַרצע שטיינער...

פֿיצט דער אומרו־וואָגן ווייטער.

דורך העדער דרייען זיך, די שעה'ן גייען זיך
אוּן ס'קנייטשן שטערנס זיך בײַם וועבן שלייערן
אַרום די אומגליקן און בייזע טרעפֿונגען,
טאָג־איין טאָג־אויס אַזוי.
טאָג־איין טאָג־אויס אַזוי.

און ס'לויפֿן וואַסערן אין דער אומענדליכקייט,
אַזוי מין אום־רוהדיג, אַזוי מין קלאַנגנדיג.
און בײַ די ברעגעס שטייען ווײַסע וואוינונגען.
אַזוי מין שווייגנדיג.
אַזוי מין עצבות'דיג.

און ס'זענען אָרעמע דאָ, און ס'זענען שויסן דאָ,
וואָס קאָנען געבן גליק און לעבנ'ס זיסקייט.
און עס זענען דאָ דאָך לעהן־באַדערפֿטיגע,
וואָס גייען אום אין לאַנד,
די קעפּ געבויגענע — —

און ס'צאַפּלט האַרץ צו האַרץ און בלוט צו בלוטן שרייט
נאָנט איז זעל צו זעל, נאָר גוף פֿון גוף איז ווייט.
און מעפּיסטאָ שטייט אויף יעדן אָנהויב־וועג
ווי אַ פֿעלזן־וואַנט,
ווי אַ טייך אַ מאָל.

איך בין אַרײַן — איך װײס נישט װראַזױ —
אין חלל פֿון קאָשמאַרנע טעג און נעכט.
מען זאָגט: עס שײַנט אַ זון, עס שמעקט מיט בעז,
מען זאָגט: עס ליגט אַ שטערנדיגע נאַכט
איבער װעלט —
קאָן זײַן: ס'איז װאָר.
קאָן זײַן אַזױ...

אין חלל פֿון קאָשמאַרנע טעג און נעכט
בין איך אַרײַן — איך װײס נישט װיאַזױ —
פֿון קאָפּ ביז פֿיס צעװישן הױפֿנס פֿלײש
און װילדע קעפּ...

און כ'קוק אַרײַן אין טױטע אױגנ'ס ים,
אין שװאַרצן גלאָז,
איך װיל דערטײַן די קאַלטע װאָרע שרעק
פֿון ג ר ױ ס ן טױט — —

איך פֿרעג: פֿאַרװאָס?
פֿאַר װעמענס חטא?
און װער איז שולדיג יעדן מענטש'ס פֿאַ־טאַל?

און כ'רײַס מײַן פֿלײש
און רײַס די האָר —

די טױטע אױגן קוקן שטאַר.
װי שטאָל און גלאָז:

זאָג דו:
פֿ אַ ר װ אָ ס ?!

דאַפֿאַר וואָס כ'האָב דאָס גרויזאַמסטע קאַשמאַרן־קינד דערצויגן,
וואָס גלאָצט פֿון מײַנע אויגן־אַפּלען גיבּטיג צו די מענטשן —
פֿאַל איך שוין נישט מנחה־צײַט אויף מײַנע קניעס־קנאָכנס,
תּפֿילה־טוענדיג צום גוטן פֿאָטער פֿון די וועלטן.

דאַפֿאַר וואָס כ'האָב אַוועקגעגעבן: די הימלען זענען ווײַטע,
ווען מײַנע פֿיס צו זייער בלאָקייט נישט דערגרייכן —
גיי איך אויף די שוואַרצע וועגן נאָכן שטן'ס שאָטן,
ליג איך אויף די טרויער־ברעגעס פֿון די טאָלן־טײַכן.

גלייב איך נישט דעם צאַפּל פֿון אַפּרוי און מײַנע אָרעמס.
ס'ציטערט נישט מײַן האַרץ, ווען כ'גיי פֿאַרבײַ אַן אָפֿן פֿענצטער
און עס קוואַלט פֿון דאָרט אַרויס אַ ווייטאָגדיגער ניגון.

אָבער חיות גלייב איך יאָ.. (איך גלײַך מיך צו די חיות;
און אַז ס'שרײַען ד'עופֿות און די ביידעמער און שטײַנען —
ווייס איך: ס'האָט מעפּיסטאָ זיי געוויזן במחשבה,
ס'חלפֿל פֿון שוחט און דאָס בלוטנדיגע שעכט־הויז...

און יחוד האָב איך מיט אַ הונט: איך קוק אים אין די אויגן
און איך זע די רחמים־פֿונקען גלאַנצן בין־השמשות —
גלעט איך אים און פֿלאַטער, און עס פֿאַלן מײַנע טרערן
אויף זײַן רוקן.

אָ װעלט! דו ביזט געװען אַמאָל דאָס הײליגע קינד
און האָסט געהאַט דאָס פּאַטער־פּנים פֿון דײַן טאַטן גאָט
און אָנגעזאַפּט ביזטו געװען מיט בלאָען רחמים, װעלט!
און הײליג איז געװען דײַן גוף און װײַס אַ יעדעס גליד,
אײַנגעהילט אין כּלי־הכּבֿוד־פֿאַרבן־קלײד, װאָס ס'האָט
דײַן טאַטע, בכבֿודו, דיר געװעבט — —

און מאָל איך מיר דײַן ליבשאַפֿט־צײַט, דײַן בלאָע בתולה־צײַט
מיט פֿולע ברוסטן װײַסקײטן, אַ זון־קרױן אױפֿן קאָפּ,
און דײַנע אױגן האָט געשײַנט אַ יעדן מזל'ס ליכט;
און מאָל איך מיר דײַן רױק־צײַט און העלן חלום־שײַן,
דײַן ערשטע בענקשאַפֿט־װײ, װאָס האָט אַ דורכגעגרױלט דײַן גוף,
דײַן תּפֿילה װאָס איז אױפֿגעגאַנגען אין ד'ערשטע שטערן־געבעט,
דאַן װיל איך װילד פֿאַר צער צוגײן — — אָ װעלט! דו װעלט פֿון הײַנט!
װײַל דו האָסט שױן פֿאַרגעסן װער דײַן גרױסער פֿאָטער איז,
און דו האָסט שױן פֿאַרלױרן דאָס געשטאַלט פֿון טאַטן גאָט,
און דו ביזט אַ פֿאַרזעעניש, אַ בן־זקונים — — װײ! —
פֿון אַ גיפֿט־פֿאַרשיכּור'טער מאַמע — סיפֿיליס!

און מיר, אָ װעלט, מיר מענטשן־קינדער דאָרשטיגע אין גאַנג
נאָך אַ געטראַנק, װאָס לעשט און הײלט די אױסגעברענטע װאונד,
פֿון פֿלאַמענדיגן דאָרשטיג־זײַן און תּמיד־תּאװה־דיג,
מיר, װאָס לעכצן נאָך דעם זאַפֿט, װאָס פֿילט דאָס נפֿש אָן
מיט רוה און זיס באַרויִקעניש אױף לאַנגע הילטײַ־נעכט,
מיר, די מענטשן װאַנדערדיגע, דאָרשטיגע ביז טױט —
מיר האָבן שױן קײן רעטונג נישט פֿון װיסט טאָגטעגליכקײט,
און פֿאַר דער בראַנדן־מדבּר לעבן איז שױן מער נישטאָ
קײן שאָטן־אָרט, קײן אָפּלױף־הײהל, כּדי דאָרט צו פֿאַרגײן — —
נישט הײליגקײט, — װײַל ס'שטײען גאָט'ס מקדשים אין די שטעט
קדושה־אױסגעלערט, און ס'גײט די שכינה נישט אין װעג — —
נישט זינד, — װײַל ס'האָט שױן ע מ י ן ־ װ ע ר, אַ װילדער, אױסגעזאָגט
די תּאװה־טרױבן און די זינד־װײַן־בעכערס אױסגעזױפֿט,
און אונדזער אײנעמס טרונקן ליבל באַפּטיזט־צו אין נאַכט

פֿון שאָלעכצער די לאקריץ־טראָפּנס — איבער־
בלײַבעניש

פֿון עמיצנס געזײַג — — —

אין ער, דער ס״ם, ימח שמו, דער אַלטער קאַוואַליר,
טריפֿט פֿאַלשע בשׂמים־ריחות אינם בין־השמשות ווינט.
און תאווה׳דיקע האָר־געריכן, ושווישעט דורכן וואַלד
מיט אַ געריוש פֿון ווײַבער־קליידער: ז־ז־ז־ז־ז...
און רויטלט אַלע רויזן רויטער אין די גערטן, ווינקט
כישופֿדיק און לעכטיקער מיט שטערן־עדער־גלאַנץ...
און אין סאַמע מיטן ווען אין דושטיק טונקלקייט
שטעלט ער ס׳יצר־הרע׳דיקע פּיסל אונטער — צאַ!
און אונדזער איינער פֿאַלט און פֿאַלט אין שאול־תחתּיה אַריין..

מיאוסעניש, עקלדישן אַרים, אַרים, אַרום — —
אין חלום, אין התבודדות, אין לויטערן נעזאַנג,
איז אויסגעגאַן די קראַפּט פון וועלן כשרויין און פרום,
די קראַפּט פון וועלן הייליגן און גלייבן אינם מענטש.

איך בין דערוואַכט. כ׳האָב איפּגעהויבן מיין באַטרעטן קאָפּ
און אָפּגעשאָקלט אַלע ציטערדיגע טראַכנס גיכט,
און כ׳האָב פון גיך אַראָפּגעוואָרפן ס׳שבתדיגע וייר.

כ׳בין אַנגעטין און אויסגעגריגטן שנאהדקלייה, וואָס איז
מיט כישוף־פּליטע־לאַך באַהאָנגען און מיט גלעקאַלאַך,
וואָס קלינגען־אויס די גאַבן־ליבע מיט סאַלאָנען־טאַקט...
און כ׳זיין א צאַרטער דאַוישאַן ביים ריינגעדעקטן טיש,
און איבער אַלע בעכערס הייב איך מיינעם אונדערהויך,
א גרימיגן „לחיים! רוף איך, כ׳טייטש אין האַרץ: צום טויט!

דאַן קומט די מלכה לונאַ צו צום פענצטער פון סאַלאָן
און וואַרפט אויף מיר לבנה־פלעקן... כ׳זעץ מיך צום קלאַוויר
און קלאַפּ אויף ווייסע ביין־קלאַווישן, אַ נאַקטירן קוואַלט
און נאַגט אַוו, ביז כלות־הנפש... כ׳גיס אַריין מיין גיפט — —
און פ׳שווימט אַריין צעוויישן מאַן־און־ווייב דאָס טונקלע ליד
און מאַכט אַזאַ צעווישנשייד — — דאַן שטיי איך דערמילט אויף

און איבער די באַהייבטע מאַנען וואַקס איך אויס און שטיי,
און קוק אַריבער ווייטע קעפ; עס ציטערן בסוד
די הייבער וויערע אין צאַפּלען נאָך מיין האַנט׳ס אָדריק...

און איינע נאָך דער אַנדערער פּאַסיר איך אין מיין הויז
און בלאָז אַריין אין שטילע בליטן אומרוה און דערוועק
דאָס דרימלענדיגע תאוה־היהלע אין פרומער הויט,
און פינקען, ווי רובינען פון אַ שרפה, גייען אויף — —

און איינע נאָך דער אַנדערער פאַרשטויס איך פון מיין שויס:
אוועק! אוועק! און שפּיי אויף ווייער טריט און ווייער בלוט.
און כ׳לאַך און לאַך. עס קאַרטשען זיך און שלינגען אויסגעגאַנט
די פרויען, וואָס כ׳האָב גענומען ערשט געזאַגט: איר זענט מיין וועלט.

און ס'לינגן צו די פֿיס די אײדעלע אױסגעדאַרטע הענט,
װאָס האָבן זײער גאָלד געשפּרײט אין מײנע שװאַרצסטע נעכט — —

איך לעב און װאַקס! עס צעהרט מײן גײסט: דער ניצוין אלוה.
איך לאַך און לעסטער און פֿאַרשװעך דאָס הײליגסטע און שענד
דאָס נאַקעטע געהיטע לײב... איך לעב פֿון יענעמ'ס צער
און גלוסט צו הערן מעשה'לאַך פֿון מענטשן'ס
װילדע פּײן — —
ס'איז גוט אַזױ... עס פֿאַלן־אױס די האָר, איך דאַר און קװאַר,
און שלאָפֿן שלאָף איך נישט בײנאַכט... עס װערט אַזױ אין קאָפּ — —

שפּאַן איך שפּעטער אום און גאַס און פֿײף אַ גאַסן־ליד,
אַזױ מין אױפֿגעמונטערט און דערהױבן מיט'ן קאָפּ;
און גלאָץ קרום־אױגנעװדיג אין אַלע אױגן פֿון אַרום,
און הער מיך אונטער מענטשן'ס רײד און װאַרף אַרײן אַ כּי,
און גיב בלױז אײנמאָל אַ פּאַרצי אַ הױך מיט מײן ברעם...

איך טרינק פֿון מײַנע פֿרויען׳ס פֿולע קוואַלן מאַרך און בלוט,
זיי רופֿן מיך דער הײליגער וואַמפּיר פֿון זייער צײַט.
און ס׳קומען דאַן די אָפּרוה־טעג פֿון מײַן באַוועטיגונג —
שליס איך מײַנע טירן אָפּ, איך וויל זיי מער נישט זען.

און ס׳וויינען דאַן די פֿרויען מײַנע אין די טיפֿע נעכט,
עס פֿאַלן־אויס די לאַנגע האָר, וואָס האָבן מיך פֿאַרדעקט
און ס׳קאָרטשען זיך די גופֿים אויף דער שוועל פֿון מײַן געמאַך
און בעטן, בעטן רחמים נאָך, און יעדן אויפֿדערנאַכט.

אָבער ס׳שטײַט דער וועניס־שטערן איבער מײַן געבײַ,
און אין מײַן שטוב איז דאָ אַ פֿרוי, וואָס וואַרט אויף מײַן באַריר;
און ס׳זיצט די שוואַנגערדיגע תאוה צווישן אונדז און שפּילט...
די שטערן־נאַכט פֿאַלט צו, די לופֿט מיט בשמים׳דיגע ווינד — —

זאָגט עמעצער אין מיר: רעד־אײַן דער פֿרוי: די ביסט מײַן וועלט.
און ס׳ציטערן די ליפּן מײַנע: ביסט מײַן גאַנצע וועלט!
און ס׳עפֿנט אירע אָדערן די אָפּגענאַרטע פֿרוי —
איך נאָג און נאָג דאָס תמצית אויס און נאָר נישט זאָגט די פֿרוי.

ב׳וויל רײַסן די קרוין פֿונם זונגאָט אַפּאָלאָ
און פּענטען אין קייטן דעם הייליגן אַמאָר
און שפּײַען זיי ביידע אין ד׳אויגן — און פֿירן
די נאַקעטע ווענוס צום טיש פֿון דער תאוה!

אַך, זינדיגן וויל איך! כ׳וויל בלימען צוטרעטן
און בעכערס קרישטאָלענע וואַרפֿן צום פֿעלזן!
אַך, שיכור׳ן וויל איך! אַ נאַקעטער טאַנצן
אין ראָד פֿון בהאָטענע ווייבער און ווײַן־הויז!

וואָס דען טויגן הענט, אַז נישט ברעכן און פֿליקן!
וואָס דען טויגן ליפּן, וואָס דאָרשטן און לעכצן!
כ׳בין מיד שוין פֿון שטרעקן די אָרעמס צום הימל,
כ׳בין מיד שוין פֿון שעפּטשען די תפֿלות צום הימל.

כ׳האָב פֿײַנט טאַטע־מאַמע!
איך האַס זייער תורה!
כ׳האָב פֿײַנט אַלע דיכטער׳ס השתפּכות־הנפֿש!
וואָס דען טויגן גלידער? וואָס דען קאָכן בלוטן?
וואָס דען טויגן קולות און ליידנשאַפֿט־קוויטשן?

אָבער מיט וואָסערער קראַפֿט זאָל איך רײַסן
געפֿיהל־און־זכרונות־געוועב פֿון נשמה?
און וואָס־פֿאַר־אַ וועג קאָן מיך פֿירן צום ברונעם
וואו כ׳זאָל מיט פֿאַרגעסן־געטראַנק מיך באַטרינקען?

עס ווייגט פֿון די זינד איים מעפֿיסטאָ די זאַפֿטן
און גיסט אין קרישטאָלענע בעכערס נאָר לאַקרוין — — —
איך זיין אין עלעקטער... —
איך פֿלאַטער: די מאַמע
אין ווײַדענעם טיכל בײַם ליכט־בענטשן. שבת. — —

אוי! מאַמענקע, מאַמע, זידט אינטערן ־שטערן
אַ תהו ובהו,
אַ תהו ובהו!
און ווער איז דאָס נאַקעטע לײַב אויפֿן דיוואַן?

און וואָס איז אַזאַ מין געצאַצאַכין פון טאַצן?
און וואָס איז אַזאַ מין געזשומושל פון סטרונעס? — —

איי מאַמענקע, מאַמע,
אַ האַנט גלעט מיין שטערן —
די האַנט פונים פּיידהויז — —
און דאָס איז דיין האַנט ניט!
איך גליווער און גליווער.
אַ שניי איז געפאַלן
ביי מיר אין געמיט.
ס'שטייען ווערבעס געבויגן
און פינגאַלאַך קלאָגן אַזוי אין די צווייגן —
אַרום איז נאָך תּמוז...
איך הער, ווי עס קלירן
די זילבערנע קאָסעס
און ס'לאַכן און זינגען
די שניטערקעס:
תּמוז.
ווער תּמוז? וואָס תּמוז? וואָס זינגען זיי? מאַמע
און ווידענעס טיכל ביים ליכט־בענטשן, שבת — — —

מוזיקא,

פלאַקער, מח!
פלאַקער. —
פלאַקער,
קאָך דיך, בליט,
אַ תאוה!

גאָלד מיט יענדלאַך... בראַווא, פרימאַדאָנאַ. פֿאַרן זינגען:
— — mundus vult decipi, ergo decipiatur
קעלנער! שנעל אַ הער צום מיט דעם זהבן שאַמפּאַניער
שאַמפּיס האָט אַ מעלה: ס'איז דער ריח פֿון נירוואַנאַ...
און איך זעה די פּנים'ער, די עקליגע, פֿון אַלטאָג; —
ניי, אַזוי ווי כ'וויל זיי זעהן: איך זעה זיי פּיטוה׳מטיש.

ס'נידעט דאָס עלעקטער-ליכט, עס נודעט די קאַפּעליע.
ס'נודעט זיך דער גרויסער פּאַן, ווייל איבער גרין זיין וואַלד איז.
ס'נודעט זיך די מלכה וועגוס, ווייל עס ליגט צופּיט איר
אַ מאָר אינם בלאָען העמדל, ווי אַ שטין, און ציטערט;
בײַטלט-אויס חלומות: ווי און בענקעניש און שפּיגל...
און ער שנײַדט נישט אויף די פּילע אָרען פֿון ווענוס
און ער שרײַט נישט: היי! אַז ס'זאָלן ציטערן קרישטאָל-וועגנט — —

ס'נודעט, נודעט: לידער-וואַסער, סענטימענטן-לאַקריין...
גראַמען-שטראַמען: ליב און טריב, און האַרין מיט שמאַרין און בוויסטוואָס!
מיידל--קליידל, מלאך — גלה, זינד און בלינד און נאַכטהינט — -
און עס עקלען אַלע קדשי-קדשים די בלאָע!
און עס עקלען אַלע תפילות טרערן-ציטערדיגע!
און עס גרילצן אַלע הרשות וועגן מזל פּאַטוים!

גיט איז... אַ... אַ נייע וועלט... ס'איז נאָכאַמאָל בראשית!
ס'גייט אַ נייער גאַלינג-גרינער מעפּיסטאָפעל-דיכטער
און אַ בינטל ערשטלינג-בליטן פֿון דער תאוה טראָגט ער — —
די קאַפּעליע שפּילט פֿון וואַגנער: פרילינג-צײַט און ווינטער,
און דער דיכטער זינגט זיך אונטער: mundus vult decipi — —

יאָ, איך און מיין גרויס התלהבות אָט די ייד און פלאַקער —

(קײַ און שפּײַ! זאָגט עמיץ אינטער מיר זיך אָפּ — בּיזט שיכּור!)
און די־אויגן מײַנע בליצן היהיש צו דער פרױ, זי ציטערט...
ציטער נישט. (איך זאָג איר: דו!) קום גײ מיט מיר, כ׳בין צעאױם!
האַלבע נאַכט װעל איך באַפעהלן: דונערט, זיבן הימלען!
זאָל די אַלטע װעלט דערמאָנען זיך די ערשטע פרײ־נאַכט!

האָב איך נאָר אַרויסגעזאָגט בלויז: האַלבע נאַכט — און ס׳איז שױן.
צאָלן! — שרײַט דער קעלנער,
לעשט די לאָמפּן,
האַלבע נאַכט איז — —
טיף אין מײַן געמיט האָט זיך אַן ערה קלײן צעיאָמערט:
יאָמער — אמר
ר׳האָט געזאָגט
דער תנא:
ה אַ ל ב ע נ אַ כ ט
איז!
און כ׳שטײ און קריך מיט בײגע צײַן:
—אַ הײם?
—אַ הײם!
אודאי! —
שאָקלט עמיץ טיף און מיר מיט אַ קיבּיטשיש קעפּל..
און עס ליגט מײַן לאַנגער שאָטן, איבער דעם בולוואַר שױן.

וויי מיר! איך אַליין בין דאָך דער אויסגעלישער פּלאַנעטער
און עס קאָן מיין נאַקעט לייב פֿון פּלאַנעטער נישט אַרויסגיין!
וויי מיר! איך אַליין האָב דאָך געוועבט דאָס ווילד געוועבעכץ
פֿאַר די ווילדע טעג און נעכט פֿון האַראָנדהו ביז עקל,
און נאָך דעם שיין פֿון נאַרדינך האָט דאָך מיין האַרץ געצוינגן!
און כ'האָב אַליין געטריבן מיינע שיפֿן צום פֿאַרפֿאַלן!

וויי מיר! כ'האָב מיט מיינע הענט פֿאַרדאָרבן מיינע פּרות
און געלאָזט אין מיינע ווינשנייעק די שאַקאַלן לויפֿן
און פֿון מיינע ווילבער־קוואַלן פֿרעמדע דאָרשטן שטילן!
היינט פֿאַרוואָס'שע קלאָג איך מיך אויף אומשולדיגע מענטשן
און שנאהפּונקען וועה איך זיי אין דאויגן, נישט דעם פּליטער —
פּנים ליבשאַפֿט־טרויער־ליבט, וואָס לייכט ביי זיי אין נפש!!
ס'האָבן דאָך די צאַרטעסטע געשטרעקט די שמאָלע הענט מיר,
מיט דעם הייליג אָדער־צוקן: קדושה און אהבה!
טרערן שטילע, טייערע, אַזוי! די ברילאַנטן,
וועגן דאָך פֿון מיינעטוועגן שנירלווייז געפֿלאָסן...
אָבער איך האָב נישט געלייגט ניין קאָפּ אין טרייע שויסן,
כ'האָב געוואָרפֿן בלאָטע־גרידעס אין די קלאָרסטע טייכן!

ס'זענען אויפֿגעגאַנגען ווייס צו מנחה־צייט גאָט'ס הייזער.
און ס'האָט אַ ווינקל שטיל געוואַרט: מיין גוף זאָל דאָרטן פֿאַלן
בעטנדיג דאָס לויטערע געבעט פֿון אַ מתבודד — —
און ערגיץ אין אַ וואַרעם שטיבל, רוה־פֿול און בטחון,
האָט געברענט אַ לעמפּל, ס'איז געזעסן פֿרום די מאַמע,
פֿאַר מיין קליינסטן שוועסטערל געהאַקלט פּיסן־וועקלאַך — —
(פֿרומע אויגן האָט דאָס קליינע שוועסטערל, און ס'הערצל
צאַפּלט נאָך דעם אָנבליק פּנים'ס ווייטן גרויסן ברודער...).

וויי מיר, וויי! און איך וואו האָב געוואַנדערט דעמולט זינדיג?
ווענטעגען האָב איך געזוכט אין אַלע שאַמפּוס־הייזער
און געזאָפּט אַריין אין מיר די בשמים פֿון אַ זונה
גאַנצע נעכט אַזוי, ביז ס'האָט אַריינגעגניצט גיפֿטיג
אינם שיכור'דיגן שלאָף אַלטאָגיגער בהקיין — — —

אין די הענג־לייכטער׳ס ברענען די חלב׳נע ליכטלאך
און הימעלדיג בלאָ איז די לופט אין בית־מדרש
עס וואַרטן די זקנים אויף צאת הכוכבים,
און פיל איז דאָס בלוט מיט די קלאַנגען פון מנחה — —
דער קלויסטער־גלאָק קלינגט און דער קלאַנג איז מעורר
עס קניען בלחש איצט הייליגע מענטשן,
דער אָרגל טוט תפילה און בעט פאַר די מענטשן
ס׳געבעט פון די הערצער — —

און וואָס־פאַר אַ הייליגן הויז זאָל איך קומען
מתודה־זיין־זיך אויף די ווילדע חטאים,
וואָס ס׳האָבען באַנאַנגען די אברים מיינע
און איך — בין נישט שולדיג?

אין ד׳איינגע גלידער זיך איך נישט און קינינ,
נאָר ער, דער בעל־דבר, דער ס״ם, מעפיסטאָפל!
אָט וויל ער—באַפעהלט ער: הייסט ווילדער, איר בלוטן!
עס וואַשען די צייטיגע רויטיגע עפל
אַראָפ פונם ליידנשאַפט־בוים, דעם געגלוסטן.
אָ זאָלן די הענט זיך דער־הייבן און רייסן
די צייטיגע עפל,
די צייטיגע עפל!

און וויל ער באַפעהלט ער: פאַ־לאָז זי די צניעה,
וואָס האָט דיר די בלה׳שאַפט־קוואַלן געעפנט,
און ווייגט זי — כאַ־כאַ! ס׳וועט אַן אנדערע קומען
און ס׳איבערגעבליבענע וואַסער אין ברונעם
רעט יענעם געניגן,
וועט זיכער גענינן!
די תאוה׳גע נאַכט קומט!
די תאוה׳גע נאַכט קומט!
אָהאָ, ווי זי דופטעט!
אָהאָ ווי זי בלישטשעט!
אָלויב די הולטייעס און וואויל צו די ווייבער

אין הויז פֿון דער תאוה, וואו ס'ווערן די וויגען!

טאָ גיי איך און טו; און לאחר המעשה —
זיצט ער, דער בעל־דבר, בײַ מיר אין די בלוטן;
און משפּט, און שרײַט: מאַך אַ חשבון־הנפש!
און אויב איך געדענק ניט,
און אויב איך געדענק נישט —
טאָ הייסט ער מיר קוקן
אין ספרי־זכרונות
וואָס ער האָט געשריבן.
(עס הייסט: וויטאַ איפּסאַ...)
דאָס כתב איז ווי מײַנס —
און איך לײען
און איך ציטער:
אַהוי און אַזוי איז געווען די מעשה — — -

און ס'שטייען דאָרט בילדער פֿון מיר און פֿון פֿרויען:
אַזעלכע קוביסטישע אַקטן פֿון גלידער!
אַזעלכע באַוועגונגען,
ווילדע געשרייען!
די הענט און די פֿיס און דאָס מויל—ווינגען בײַנגע!

און כ'שרײַ און מײַן בלוט אַרײַן:
יאָ, כ'האָב געטאָן דאָס!
געטאָן מיט די גלידער!
נאָר איך — בין נישט שולדיג..

פֿאַרשאָלטענע בענקשאַפֿט נאָך אַנדערע אָזונטן! —
וענען די איצטיגע אָזונטן'ס הימלען
דען נישט אַזוי סאַמעטן ווײַך פֿאַר די אויגן?
און פֿאַנגען דאָס האַרץ דען נישט הויזיגע כשפֿים
פֿון היינט בין־השמשות, אַזוי ווי פֿון נעכטן?

פֿאַרשאָלטענע ווײַ פֿון אַמאָליגע ליבעס!
פֿאַרשאָלטענע ווסקײַט פֿון אַנדערע פֿרויען,
וואָס .ווײַערע פּנים'ער שווימען פֿאַר ד'אויגן,
וואָס ווײַערע געזאַנג ציטערט אום אין זכרון! —

עס וענען נישטאָ דען קיין האַרציגע פֿרויען
מיט אויגן ווי קאַרשן און אויגן ווי הימלען,
וואָס זיצען אין היטן פֿאַרשלאָסענע קוואַלן
און זינגען אַזוי מין מתיקות'דיג אָזונט'ס
און ליגן אַליין אויף די ווײַסע געלענערס?

פֿאַרשאָלטענע שעה'ען אין לויטערער תּפֿילה,
פֿון שטרעקן די הענט נאָך פֿאַרלוירענע זאַכן,
כאָטש ס'שטייען נאָך אַלין ש"י עולמות פֿון צויבער
און דופֿטיגע סאָדן מיט צײַטיגע פּירות!

און ווער איז דער היב?..
און ווער איז מעכב? —
מיר ווײַסען אַליין נישט.
מיר ווײַסן: מען לאָזט נישט!
מיר ווײַסן: עס עקלט אַזוי אונדז דער הוה,
און ס'ליגט אין אַ וואָרט נאָר, אַן אײנציגס. דער כישוף —
דאָס וואָרט, וואָס איז היילִיג אַיעדן: פֿאַרגאַנגען...

דער וועג איז געגאַנגען, די בריק איז געריסן.
עס ליגט פאַר די פיס מיר אַ שטייענדיג וואַסער,
אַטױפּס און אַפּינסטערס,
איך קאָן נישט אַריבער...׳

אַ ווידער־קול ענטפערט אַרױס פֿונם חושך:

„דער וועג איז געגאַנגען,
די בריק איז געריסן,
אַ שטייענדיג וואַסער
דאָס אייגענע לעבן,
דו ווייסט נישט אַריבער!

„און וואָס איז צו טון? און ביי וועמענען פרעגן:
איז דאָ נאָך אַ רעטונג,
אַ וועג אויף צוריקגיין?
און וואָס איז צו טון מיט דער גליאיגער באַל
וואָס איך טראָג אויף די אַקסלען
און עלנדן אַבױגן?׳

עס ענטפערט דאָס ווידער־קול גאַליג און גרױזאַם:

„איצט — קאָפּ אין דער וואַנט!
זיץ און זייג פּאַפּיראָסן,
און לאָז אַריין רויך אינם פינסטערן הדר..
און אויב האָסט קיין וואונטש
און נישט קיין געלענער —
טאָ שפּאַן אין די גאַסן
און לאָז זיך דיר דאַכטן:
אַ הונט אין די גאַסן,
אַ הונט אין די גאַסן...׳

„אָבער ס׳האָרין איז דאָך האָרין
און דער נעכטן געדענקט זיך!
ביי וועמענען זאָל עס זיך לערנען פאַרגעסן
דעם איבער־עלאָיעגעם אוצר און מרחק

און ס'מזל אהבה, וואָס שײַנט פֿון דערווײַטנס?

און ס'ענטפֿערט דאָס ווידער־קול,
ענטפֿער'ט און חוזק'ט:

„פֿאַרגעסן? כאַ־כאַ!
ס'איז אַזוינס נישט פֿאַרהאַנען!
משמעות, מײַן בחורה,
ביזט שלוה־באַדערפֿטיג,
און אָטעמען ווילט זיך — —
און וואָס איז דען יאוש?
און וואָס איז חרטה?
צוויי קינדערלאַך וועסטו אין עלנד געבערן
און זיי וועלן הייסן: חרטה און יאוש.
און ס'האַרץ וועט די וויג זיין
פֿאַר ביידע,
פֿאַר ביידע — —

דערווײַל אָבער, בחורה, האָפּט נעגל — צוקראַץ דיך,
און ברום מיט די ליפּן
אַרײַן אינעם הייזך — —

נישטאָ קיין צוריקגיין,
די בריק איז געריסן.

ב האָב מײַן בעטל געשטעלט אויף דער פּלושענער שװעל
פֿאַרן שלאָפֿן־גײן־טויער.

האַלב־נאַקעטער זײַן איך, דעם קאָפּ אַ געבויגענעם
ביז צו די קניעס,
און קאָרטשע מיך, קאָרטשע מיך:
עפֿן דיך, טויער!

אָ אַבֿה, אַ האַר פֿון מײַן לײַד־טאָג און אומרו,
לאָז זיין בײַנאַכט כאָטש דײַן קרבן — מײַן קערפּער!

דער שלאָף איז אַ גוטער, אַ װײַבער, אַ טיפֿער.
די נאַכט איז אַ קילע, אַ לינדע, אַ שטילע,
און איבער דעם בראַנדיגן סנה־גוף צעגיסט זיך
אַ רחמים־דיג בלאָקײַט — —

אָ עפֿן דעם טויער!

עס ברענען אַזוי מײַנע װאונדן, מעפּיסטאָ!
עס ברענען די ציכנס פֿון דײַנע גליר־ריטער!
און װאָס װעט דיר שאָדן אַ פּלאָנגיגף װעט שלאָפֿן,
אַ פּאָר שעה נישט װיסן װאָס ס'איז אַזוינ'ס לעבן,
אַ פּאָר שעה נישט גרוילן!!

אומזיסט איז מײַן תּפֿלה.
דער האַר איז אַ טויבער...
מ ע פּ י ס ט אָ  אַ  ט ו י ב ע ר!

האַלב־נאַקעטער זײַן איך, דעם קאָפּ אַ געבויגענעם
ביז צו די קניעס.

מײַן בעט איז געשטעלט אויף דער פּלושענער שװעל
פֿאַרן שלאָפֿן־גײן טויער...

די נאַכט איז אַ קילע, אַ װײַכע, אַ גוטע,
מעפּיסטאָ—אַ טויבער — —

אזוי ווי ס׳האָט דער קלויסטער־גלאָק נאָר אָפּגעקלינגלט גלײַך
און ס׳קלײַנע בלאַסע שײַגעצל האָט נאָכגעלאָזט דעם שטריק,
האָט צוגעדריקט די תאוה׳דיגע שוואַרצע נאַכט איר בויך
צו ציטערדיגע בײַמער־שפּיצן און געלאָזט זיך קיצלען:
אַ — אַאַ... ס׳איז גוט אַזוי, האָט זי זיך אײַנגעהוידעט,
לויט דעם בײַמער־שאָקלען.

און ס׳האָט דער בייזער פריץ מעפּיסטאָפל אָפּגעבונדן
זײַנע קודלעוואַטע הינט פון אַלע דושאַוער־קייטן
און האָט צו זיי באַפוילן: לויפט און הויקעט אין דער וועלט אום,
ס׳ווילן מענטשן שלאָפן!

לויפן זיי און הויקען. ס׳זעצט אַ שוים, די אויגן בליצן,
לויפן זיי און הויקען, און זיי זוכן מיך אין חושך — —

לויפן זיי... איך ליג אויף מײַן געלעגער אײַנגעשרומפן.
ס׳ציטערן די קנאָכנס. ווײַסע הינט־ציין ווילן גריזשען
ס׳בינטל ביינער מײַנס אין חושך — —

זיצט דער פריץ מעפּיסטאָפל בײַ זײַן ביינערדיגן נאַכט־טיש,
רייכערט גראָבע פּאַפּיראָסן,
ס׳שטייט אַ טויטן־קאָפּ פול בוימל מיט אַ ברענענדיגן קנויט
אינמיטן נאַכט־טיש:

ס׳איז דער וואַך־לאָמפּ פונ׳ם פּחד.
ס׳שלאָפט נישט קיינמאָל מעפּיסטאָפל!

פֿון מײַן רעפֿלעקטאָר־דמיון שיִק איך בליִציג און פֿאַרציטערט
װערטער־שטראַלן דרײַ אין חושך: ע ר ג אַ ר — אַ ל אַ ן — פּ אָ...

ס'איז האַלבע נאַכט;

און ס'טראָגן מײַנע בליִצן־װערטער אָדלער־בליִקן װײַטע
איבער דעם אָקיִנוס קײַן אַמעריִקע:

דו גרױסער

גרױלן־דיִכטער, אָפּיום־עסער, הײליִגער באַרױשטער,
גײער מיִט דעם פּחד־לאָמפּ אין הײלן און פּאַלײַען!
ס'רופֿט דיִך האַלבע נאַכט אַ ייִדיש קינד, דײַן שרעקן־ברודער:
כ'ליִג געשטערעקט מיִט אָרעַן געצעלטן אין חשבונות,
אָנגעזאַפּט מיִט שטן־גאַל און מעפֿיִסטאָפֿעל־עלנט
און װאַרט אױף אַ התגלות פֿונם פּחד אין־דער־פֿיִנסטער...

אָ פּחד, פּחד! פּחד־ציטער־װערטער דרײַ געצױגן:

ערגאַר — אַלאַן — פּאָ!

קומען זײ, די װינטן פֿון אַמעריִקע... ס'איז פֿאַרכטיִג
פּלוצים אין מײַן שטוב, װי אין אַ היכל — — קדוש! קדוש!
ס'קומט אַ שרעקיִג חלום־ליִכט, אַרענגבױגן־פֿאַרבינס,
און עס רעדט אַרױס דאַפֿון די טױטע כלה מײַנע:
(כ'האָב אין ע ר ש ט ן גלגול ליבע זי געטײַט פֿאַר קנאה...)
„איך די כלה, דײַן געטײַטע כ־ל־ה, בין געקומען — —
ציִטער איך פֿאַרגלײַװנדיג די אױגן און איך מורמל:
פֿריִרן דיִר, אחותי כלה, ה ײַ נ ט נוֹטי דאָך הײליִג —
הײליִג װי דער ספּיר־שטײן צופיסנס פֿון יהוה...
י ע נ ע װעלט איז בלאָ און לױטער, רואיג איז מײַן האַרץ איצט:
ס'זענען דאָך אין לאַנד פֿון טױט ניִשטאָ קײַן ליבע־שפּילע — — —
ציטערט ס'שרעקיִג חלום־ליִכט און ס'רעדט די טױטע כלה:
„יענע װעלט איז גלײַך װי די װעלט: ס'שטעקן מאַן־און־װײַב זיך,
און עס בליִט דער תאוה'דיגער עפּל־בױם דאָרט אױך־עט
און אַ שאַלאַך־רױטער טאָגע גײט־אַרום מעפֿיִסטאָ,
שאָקלט בעז פֿון אַלע צװײַגן איבער אַלע װעגן — —
איך, למשל פֿאַר פֿאַרנאַכט־צײַט, אױף אַ זילבער שיִפֿל

בײַ די ברעגעס פֿון װעגעדיג. כ׳שפּיל אױף אַ גי—טאַ—רע,
ביז עס קומט דער איטאַליענער מײַנער אױף אַ גאָנדל — —
ס׳שטײט מײַן הױז בײַם ים־ברעג מיט די מערמל־טרעפּ צום װאַסער,
דאָרטן זײַן איך בלאָע נעכט אָפּ מיט אַן אי־טאַל־יע־נער — —

שרײַ איך: װײַ! אױף,
שװײַג און ציטער,
זאָגט די טױטע כלה:

„כ׳האָב געגנבעט אַ קינזשאַל בײַם חתן און געשאַפּט אים. .

ררר..
עס צוקט אין מײַנע קאַלטע הענט דײַן האַלדז. ס׳איז פֿינסטער...
בלוט איז זיסער, שיכור׳דיגער פֿון װענעדיגס װײַנען!" — —

וואָס מעהר איך נידער אין־דער־נידער מיט דעם רויטן פּאַרישער־לעמפּל
אין די גרובנס פון נשמה,
טיפער טיפער ווערד די טיפקייט און איך גיי אין גאַנג פאַרלוירן,

ביי די פינסטערע אַראָפּ־געענג
ליג איך נאַכט־צייט,
ליג איך מיד שווין,
און דאָס פּאַרישער־לעמפּל גוס'עט...

ווי מיר, ווי מיר!
ווער איז דער, וואָס האָט געהייסן: איך זאָל מיידן יעדן זון־וועג
און די אָפענע שפּאַציר־גענג, וואו אַ בוים בליט און אַ גלאָק קלינגט?

וואָס איז דאָס אַזוינס: נשמה, וועלכע צייט איך זאָל איר נאָכגיין,
ס'מעג אַ זומפּ זיין,
צי אַ פייער,
ס'מעג אַ מיילן־טיפע הייהל זיין?

ווער איז דער, וואָס האָט געהייסן: איך זאָל גרוילן, גרוילן, לעכצן,
און דערגרינטעווען תהומות, וואו, עס הייסט, די פּערל וואַקסן?

ווי מיר, ווי מיר!
ס'גייען יאָרן — — ·
און די וואָרצלען פון די האָר ווי טוען שמאַרצן אַלע מאָרגן
ביז שגעון!

און ווי קאָנען איידלע אַקסלען אַלע טעג און נעכט דערטראָגן
די דערלעבעניש־משא?

ווי מיר, ווי מיר!
מעפּיסטאָפל!!
יאָרן גייען, ווייסטע יאָרן — —
און אויף מיינע קניעס שפּילן זיך נישט הן'עווריגע קינדער,
נאָר מיין האַרטן קאָפּ פאַרוויג איך!

און פון מיינע שענקלען ווייגען נישט־געפּרובפּערטע געשטאַלטן,
מיינע שלאַפע אָרעמס קלאָגן!

מעפּיסטאָפל!!

דער גאָרטן מײַנער איז געשטאַנען דאַן אין פֿולן בלי,
די חלום־בײמער האָבן מיך פֿאַרשמעקט מיט זייער בעז,
און ס'איז געשטאַנען איבער מײַן געמאַך די גאַנצע נאַכט
דער נוגה־שטערן, שײַנענדיג צו מיר;

אַלע מײַנע כלים זענען פֿול געװען מיט װײַן.
עס איז דאָס שענסטע װײַב געזעסן שטיל צו מײַנע פֿיס
און האָט געװאַרט, כ'זאָל עפֿענען די ליפּן אין דער נאַכט;

האָט זיך אַזאַ געדאַנקען־פֿעדימל געװעבט אין קאָפּ:
די װעלט האָט װײַטע װעגן, װײַטע אוצרות פֿון גוטס,
די װעלט האָט קװאַלן זיסקײטן אַ סך,
און ס'מוז אַ מענטש די װעגן גײן און זעהן
און טרינקען פֿון די אַלע קװאַלן זיס.

איך בין געגאַן — —

און יאָרן, יאָרן זענען שוין אַװעק. איך װײס נישט װאו.
דער גאָרטן מײַנער, אָהן דעם גערטנער, איז געװאָרן װיסט;
און איך אַלײן בין דער, װאָס װערד מגולגל אין אַ פֿוקס
אַ יעדע נאַכט,
און כ'לויף פֿון בײט צו בײט און קלאָג און קלאָג — —

און איך אַלײן בין דער, װאָס זוך די ערשטע טרײַע שוים,
װאו ס'האָט גערוהט מײַן קאָפּ.

און כ'זיץ אמאָל אויף מײַן געלעגער שטאַר דורך מײַנע נעכט
און כ'זעה מײַן נאַקעט לײַב:
אַ דאָס בין איך, דער נע־ונד'ניק. װאַ!
און די־אָ זענען מײַנע הענט און פֿיס,
אַ דער־אָ קאָפּ
איז מײַן,
אַ דער־אָ — —
װאַ;

עפל פרשת דרכים שטייט מיין קנאָכנדיג געביי,
אַן אויפגעריסן היכל אָהן אַ דאַך,
און אינעווייניג זיצט מיין ברוגז איך:
אַן אויסגעדאַרט קוביסטיש גלידערדינס,
מיט אויסגעשפּיצטע אויגן פון אַ האָה,
וואָס קוקן דורכן רייטנדיגן גלאָה,
מיט גאָלד אַרום:
אַזאַ מין בריל...
און שפּינוועבסן און קנוילן ליגן גראָ,
און ביכער־קופּעס שטויביגע אַרום,
און צווייַ אַזעלכע דאַרע שמאָלע הענט
נישטערן אין גראָבע ביכער בלינד.
אַ יאָר־צייט־לעמפּל ברענט...
און אויבן גייט די אַלטע זון אין בלאָ,
און ס'ציטערן די שטערן אַלע נאַכט — —

ס'קאָן זיין: אַ זיסע יונגפרוי זיצט און זינגט,
און רופט מיך מיט אַ כלה־ניגון: קום!
ס'איז גרייט דאָס ווייסע חופּה־בעט פאַר דיר,
און איך האָב מיינע האָר געזאַלבט מיט מור...
און דו ביזט יונג!

ס'קאָן זיין מיין מאַמעס אויגן טריפן שטיל
עס רופט איר האַרץ בדמיון מיך: מיין קינד!
צוואָס די גאַנצע חקירה אין דער וועלט,
ביזט מיד און קוואַר!
דו דאַרפסט אַ היים, אַ טרייע פרוי, אַ קינד,
און זיסע רוה!

און ס'פאַלט מיין קאָפּ אַראָפּ אויף מיינע קני.
אַ שווערע לאַסט.
איך ציטער: יאָ...
און כ'קאָן נישט מעהר אַרויס פון מיין געביי.



c

און עס טרעפט זיך אַמאָל אַז איך רײַס אויף אַ טיר
פון מײַן אײַנזאַמער וועלט, און איך שטרעק מײַנע הענט
צו דעם האַר פון כאַאָס,
מײַנע שמאָלע הענט...

און איך גיי, ווי אַ בלינדער געפירט פון אַ האַנט,
מיט אַ צאַפּלדיג לײַב און די ליפּן פאַרברענט
און מיט רויש אינם קאָפּ.

און איך פרעג נישט: וואו? וואוהין? נאָר איך גיי,
ווי אַ בלינדער גייט,
אין דער ווײַטער וועלט,
און דאָס האַרץ קלאַפּט:
בו—ך, בו—ך...

און אַז ס'נידערט די זון, איז דער קאָפּ הייס
און עס פלאַקערט אין אים דאָס התבודדות־ליכט,
ווי אַ גאַסן־לאָמפּ
אין אַ טויטער שטאָט...

און דאָס אויג זעהט,
ד אָ ס א ו י ג ז ע ה ט,
ווי פאַרלוירן איך בין.

טעג און נעכט און נאָכאַמאָל דאָס זעלבע אָהן אַ סוף!
עס ציען אַזוי פֿרילינגן און זומערן און ווינטערס — —
און דו ביזט מיר די לאַסט פֿון זיסער וויכליכקייט צו טראָגן
און אין דיין בוזעם הייסע קוואַלן טרערן צו פֿאַרבערגן
טעג און נעכט.

אָ, דיינע טעג די מילך־ווייסע גראָע שטיינער־סטעפּעס
לעכצן נאָך אַ קילן ווינט און נאָך אַ טראָפּן רעגן!
אָ, דיינע שעה'ען שטאַרבן דאָך דערוואָרגן אָהן אַן אָטעם!
אָ, דיינע נעכט, די שלאַנגען־שוואַנגערדיגע וואָלקן־בייכער,
און דיינע טרויער־אָנגעזאַפּטע שעה'ען'ס הייליגקייטן!
ווער קאָן דערציילן דיינע לעבן'ס וועלט־פֿאַרלוירנקייטן
ליגנדיג, אַ הייסער גוף, אין השכבות פֿון דער נאַכט:

עס טרויערן פֿאַרפֿינסטערט דיינע האָר אויף ווייער סאַמעט.
זיי קאָנען נישט מיין קאָפּ פֿאַרדעקן אין די האַלבע נעכט...
און פֿינסטער איז ביי דיר אין הויז און רואיג,
עס איז נישטאָ קיין גריל וואָס לאָזט נישט שלאָפֿן.
אַ ווייך געלעגער האָסטו. ווייסע קישנס,
אין אויוון גליען פֿייערלאַך און אין דעם וויכן פֿאָרהאַנג
לויערן די דרימלענדיגע פֿליגן — —
נאָר עס שטייט צו דיין צוקאָפּנס נישט די גוטע שכינה
פֿונ'ם שלאָף;
עס קלינגען אַלע גלאָקן פֿון דער וועלט אין דיינע אויערן,
און דו מוזט הערן גאַנצע נעכט דאָס שנאָרכן פֿון אַ חיה...
זיצט אין דיר די ברענענדיגע דאָרשטקייט פֿון בהקין,
ציענדיג דורך דיינע גלידער הייסע פֿייער־דראָטן...
און דו מוזט אַלע האַלבע נאַכט אין פֿינסטערניש אַראָפּגיין
אויף די שפּיצן פֿינגער, אינ'ם נאַכט־העמד,
טרינקען פֿונ'ם קאַלטן נאַכט־קרוג וואַסער — —

ביי מיר אין שטוב איז קאַלט דאָס אַש אין אויוון.
ס'רוישן אַלע וואַסערן פֿון גאָר דער וועלט אין קאָפּ.
און כ'הער מיך צו, ווי ווייסע וועגט דערציילן:

„נאַכט איז. זונות גייען אום אין נע־ונד׳נע גאַס־הינט..
אויסער אין די לויפֿנדיגע באַהנען און אין שיפֿן —
שלאָפֿן אַלע מענטשן — — דו מוזט ליגן!
און ביז עלות־השחר ברענט דאָס ליכט פֿאַר מײַן נעלענער,
און אויף דער בריק ליגט אָנגעלייגט אַ טונקלער הויפֿן ביבער — :
ליין איך, ליין איך.. אויסדריק זיך איך פֿאַר די טויזנט קולות
פֿון מײַן לעבן;
אַ באַשייד — מעג גרויזאַם זיין — פֿאַר מײַנע רעטעניש
און פֿאַר די נישט־געשטאַלטיגטע דערלעבענישן מײַנע,
וואָס פֿליען דעסהאַרמאָניש אין זכרון,
זוך איך ראַמען — —

אויפֿן בענקל זילבערט מאַט די פּאַפּיראָסן־פּושקע,
פֿון מײַן טאַטנ׳ס טאַטן בירושה; —
רייכער איך און רייכער.. אין עס פֿאַלן איין די באַקן,
און שמאָלער ווערן מײַנע פֿינגער,
צוקנדיג די שלעפֿן...
ביז דאָס גראָע טאָג־מויל געניצט: וואַ! דורך מײַנע פֿענצטער,
און ס׳שטעלט דאָס בינטל ביינער מײַנס זיך אויף די פֿיס און טראָגט זיך
גוטסקייט־פֿול
און עקל־פֿול —
צו מענטשן...
גיין אויף אַלע וועגן,
זעהן און זוכן:
דיך — צי עפּיס אַנדערש,
עסן,
רעדן...
און פֿאַרדעווען דעם סודות׳דיגן צורעק פֿון מײַן לעבן:
פֿאַלדן,
קנייטשן — —
און ראַנגלען זיך מיט עמיצן, וואָס לאָזט מיך נישט דערלעבן

וואַקס, בוים מײַנער, וואַקס אין דער אײביקײט׳ס צײַטן,
ס׳איז פּלאַן נאָך פֿאַרהאַן פֿאַר די וואָרצלען און צווײַגן,
לאָז פּריליגן גרינען, לאָז זומערן גאָלדן,
נעכט — זילבערן, שוואַרצן, און ווינטן זיך שפּילן...
איך בוי מיר אַ נעסט אין געפּלעכט פֿון די צווײַגן,
און זינג דיר דאָס ליד מײַנס אַרויס פֿון די צווײַגן —
און דו מ ו ז ט עס הערן,
און דו מוזט עס הערן...
אַזוי זאָגט מײַן גורל.
אַזוי זאָגט מײַן גורל.

גײ, גײסט מײַנער, גײ אויף די אָפֿענע וועגן
און בעטל בײַ מענטשן אַ טרער און אַ האַנט־דרוק,
ווען זײערע גופֿים טוט טרײַבן די טאָג־בײַטש;
און אָונטערצײַט גנבֿ׳ע דאָס ליכט פֿון די שויבן
די ווײַכקײט פֿון פֿאָרהענג; און קום אין די שטיבער
און שטעל דיך צוקאָפּנס פֿון פּרויען, וואָס קושן
די גאַליגע ליפּן פֿון מענער פֿאַרהאַסטע — —
הער־צו, ווי עס גרוילן די טײַערסטע גופֿים,
און ד ו מ ו ז ט עס וויסן,
און דו מוזט עס וויסן..
אַזוי זאָגט מײַן גורל
אַזוי זאָגט מײַן גורל.

פֿאָר, שיף מײַנע, פֿאָר אויפֿ׳ן הויכן אוקינוס
נאָך ווינטן׳ס באַפֿעהלן און וואַסערן׳ס קולות,
און נאָכן געשרײַ פֿון די פֿליענדע מעוועס;
און הער־אויס די רייד פֿונם פֿינסטערן ים־האַרץ,
ווען פֿיש שטײַען אויף פֿון תהומות צו טאַנצן;
און הער־אויס די בלאָע געזאַנגען פֿון וואַסער
ווען שטערן, לבֿנה־שײַן שלײַערט זיך הײליג
און פֿאַלט אויף די טונקעלסטע פֿאַלדן פֿון כוואַליעס —
און דו מ ו ז ט עס פֿילן,
און דו מוזט עס פֿילן...

אַזוי זאָגט מײַן גורל.
אַזוי זאָגט מײַן גורל.

שלעפּ, גוף מײַנער, שלעפּ יענעם בלײַערנעם וואָגן:
ט אָ נ ט ע נ ל י כ ק ײַ ט... צאַפּל צו קומען צום ים־ברעג,
וואו דו ווערסט דעם וואָגן אין ים אַרײַן קערן
און שטײן בלײַבן, קוקן צום אויפגאַנג פון שטערן
אין ווײַטע, פאַרלוירענע, טיף־בלאָע הימלען,
און זינקען צו דר׳ערד און די אויגן פאַרמאַכן
און קילע פאַרנאַכטקײַט וועט קושן דײַן שטערן...

אַזוי זאָגט מײַן גורל.
אַזוי זאָגט מײַן גורל.

איבער דער נירוואַנאַ הענגט די שוואַנגערדיגע נאַכט
מיט טויטע ליכטער.
און אין שטייענדיגן וואַסער שטעקן שיפֿן, שטעקן גופֿים
קעפּ אַראָפּ און פֿיס אַרויף.

אָבער אויפֿן ברעג וואָס ליגט אויף דער ווײַט צו, צום טאָג
שטייט אַ בוים צעשויבערט, אין מיטנע,
וויגט זײַן קאָפּ,
און וויל אַריבער צו דער נאַכט און קען נישט.

ברענט די זון.
די צווײַגן ווענען אויסגעצווייגט פֿון וואַפּט.
עס וויל דער בוים נישט וואַקסן צו דער זון,
ווײַל ס'ליגן זײַנע פּירות שוין אין אָפּגרונט
פֿון נירוואַנאַ...

אָבער אין די צווײַגן זיצט אַ וווּנס,
וואָס שרײַט: איך וויל!

דער בוים איז בוים.
עס ברענט די זון.

און ווי איז אונדז, ווי, ווען סע קומט אונדזער אָוונט
אין ס'ליגט צו די פיס אונדז אַ קלאָנגדיג וואַסער,
און אונדזער לבנה גייט־אויף אויבן הימל
צו לייכטן אַ רגע, אַז זעהן זאָלן ד'אויגן,
ווי ס'שווימט פונם ברעג צו דער ווייטער נירוואַנאַ
די מאַכטיגע שיף מיט דער שילד: וויטאַ איפּסאַ.
און אין די קאַיוטעס איז דאָ אונדזער שלל:
די זומערנס גאָלד און די ווינטערס זילבער;
און ס'ליגן געפּענטעט די זילבערנע טויבן
מיט אונדזערע בלאָע כלי־ניגון'ס פון ליבע — —

און אויף דעם פאַרדעק פון דער שיף: וויטאַ איפּסאַ,
שטייט יענער פאַרהוילענער גזלן — דער הוזק
און פּלאַטערט צו אונדז מיט אַ פינסטערער שמאַטע:
אַדיע! — און נישטאָ מעהר.. און וואָס איז צו טון דאָ?
ס'ליגט טויט אין אַ וואָלק אונדזער קינד — די לבנה,
דאָס קינד פון דער עלטער — — עס טונקלען די בלוטן;
מיר בייגן די קעפּ שווער אַראָפּ אויף די קניעס
און העהרן דאָס שרייען פון ים־פייגל ווייטע
און וואַסערנס שוימען.

ס'איז דאָ אַ שעה, אַן אויסטעריש־דערלעבעניש־שווערע,
אין יעדער פֿון אונדז מענטשן וויל געשטאַלטיגן געפֿילן
און אַ פֿעלזן־וועלטן־אויסדרוק די דערלעבענישן געבן,
און אַ ראַם פֿאַר טעג און נעכט און פֿאַר געטיילטע שטיקער לעבנס,
און אַ קייט צוזאַמענציִען אַלע קולות פֿון די בלוטן
און מען וויל אין טיפֿע תהומות פֿון פֿאַרפֿאַלונג זעהן און קוקן,
און מען וויל דעם וואָרן פּתרון פֿונם שרעקן־חלום אָנזעהן,
און מען וויל דערזעהן מיט ד'אויגן אַ געשטאַלטיגס: יענעם עמיץ,
וואָס דערלאָזט נישט זיך דערלעבן
דאָס געחלום'טע דורך יאָרן,
דאָס געזוכטע אין די וועלטן,
דאָס געבעטענע בײַם הימל ––– —

שטייט מען אין אַ ווינקל ביחידות און מען בעט זיך:
דו, וואָס ביזט דער פּלאָנטער פֿון די טרעפֿינגן דעם מענטשן'ס,
דו, וואָס ביזט דער פּורים־שפּילער פֿאַר די פּאַטוּמס בלינדע אויגן,
דו, וואָס ביזט דער גיסער פֿונם גיפֿט אין אַלע בעכערס,
דו, וואָס ביזט דער קלעזמער פֿאַר די טישן פֿון דער תאוה,
דו, וואָס ביזט די ציִ־קראַפֿט פֿון די נאַקעטע הלילה'ס,
דו, וואָס ביזט דאָס איזה־וואָרט: גאָט און דמיון פֿון אַ צדיק,
דו, וואָס ביזט דער זילבער־ברעג פֿאַר ווײַטע חלום־גייערס —
דו, באַווײַז דײַן פּנים! איך וויל קוקן אינ'ם פּחד
פֿון די דורות, און וויל קוקן אינ'ם פּלאָנטער פֿון מײַן לעבן...
און אויב שטאַרבן מוז דער מענטש וואָס זעהט דײַן פּנים, דײַנע אויגן —
וויל איך שטאַרבן מיט דעם נאָמען פֿונ'ם וועלט־גורל אויף די ליפּן,
אָבער זעהן וויל איך ס'געשטאַלט פֿון מײַן דערשראָקן שטיקער־לעבן
און דאָס פּנים פֿונם ווילדן נעצן־וועבער פֿון מײַן פּאַטוּם!

שטייט אין ווינקל זיך דער מענטש, אַזאַ מין גאָרנישטל, אַקעגן
דעם קאָלאָס פֿון אַלע גורל'ס שרעק־דערלעבעניש: מעפֿיסטאָ.
און עס ציטערט ס'ביסל בײַנער און די בלוטן לויפֿן גרויליג,
ווי די שטרומען אײַדער נאַכט קומט... און אַ בת־קול פֿונם פּחד
רעדט אַרויס פֿון דעם מתבודד,
פֿון די אײַגענע געפֿילן:

ווּאַזוי זאָלסטו מיך זעהן דען? — כ'האָב קיין פּנים נישט קיין איינגנם.
כ'בין אַזוי ווי די געשטאַלט פון דעם, אין וועלכן כ'בין געצייגן.
כ'בין אַזוי ווי די חלקים פון דער טרעפונג ביי דעם מענטשן,
כ'בין מיליאָנענדיג געשטאַלטיג, ווי די צאָל פון אַלע זאַכן.
כ'בין אַ דומם און אַ מדבר. כ'בין דער אָטעם פון די סבות.
כ'בין די בלי־בלום פון דער ליבע, די גראָטעסק־געשטאַלט פון יאוש.
כ'בין דער זאָט פון אַלע כחות און די פייסט־קראַפט פון אומגליק...
כ'בין דער בכור פון די געדאַנקען, דאָס קאָשמאַר־קינד פון דמיון.
כ'בין דער גרויל אין הוט־השדרה'ס, כ'בין דער סיפלילים אין גומען,
כ'בין די נאָדל: רעוומאַטיזמוס, אין די קנאָכנדיגע זקנים
און דאָס אויער, וואָס פאַרנעמט דעם צוק פון הענט און פיס אויף בעטן.
און איך לאַך מיט פרעמדע ליפן,
קנייטש מיט שטערנס,
מאַך גרימאַסעס;
און איך וויין מיט פרעמדע אויגן,
און איך שלאָג מיט פרעמדע בייטשן
אין די ווייטע וועלטן: לעבן,
אַז די גופים זאָלן לויפן...

איך בין אַלץ, און אומעטום! איך ליג אַ שטרויכלינג אויף די וועגן,
איך בין די שלאַנג, וואָס קומט בשתיקה צו דער קאַלטער קופּע שטיינער,
וואו אַ שלאָפער נע־ונד'ניק רוהט זיין אָפּגעפּלאָגטען גוף אויס
און איך זייג פון סאַמע מה די זכרונות מיטן מאַרך אים...
און אויך דו — — — —

די גלאָקן קלינגען... לאָמפּן ברענען אין די גאַסן,
און די וועלטן'ס תאוה־ביימער זשושען איבער אַלע מענטשן,
און עס שווימען איבער שטרומען קלייניגע לאַרקעס, און עס שפּילן
די גיטאַרעס איבער וואַסער — — און עס זינגען אַלע מאַמעס
נאָך די בתולה'דיגע לידער, ווי אַמאָל, אַזוי מיין גלוסטיג,
און עס זענען זייערע האָר אַזוי מין לאַנג נאָך, ווייך און דופטיג,
אַז זיי קאָנען דיך אומגאַנצן איבערדעקן — — —
גיי און זוך זיי — —

ס'האָט אַזוי געזאָגט מעפיסטאָ...

M E F I S T O
POEMAT
NAPISAŁ
URI CWI GRINBERG

WYDAWNICTWO
„DOS BUCH" LWÓW.
Z DRUKARNI „PRACA"
LWÓW, BERNSTEINA 17.